בס"ד / שנה ו' / פרשת שלח / נומער 316



## ס'שמעקט נישט גוט
ישראל דוד העסקעל

## ער איז פריש און געזונט
אהרן קליטניק

## רואיגע האריקעין סעזאן
גרשון קרעמער

## עלעגעיטער הויט פאקעט בוקס
משה אר' שניצלער

## גליון ליין
**מעכטיגע חומר** | אינטערעסאנטע קאמיקס און נאך | רעדאקטער **נתנאל הײלפרין נ"י פון כיתה ח'** שטעטל חדר פארציילט אונז מער איבער דעם. **ליין און האב הנאה.**

# הרחבת גבולי הקדושה

**שכח אײבערשטער! אריין אין קאנטראקט אויף ריזן בנין בשכנות פון עקזיסטירנדע בנינים** | לייגט מער איבער די היסטאריע פון דעם היסטארישן שטארקן בנין, די מעלות דערפון, די געוואלדיגע סייעתא דשמיא פון דאס טרעפן.

**בס"ד**

שלח
תשפ"ו

**נומער**
**316**
שנה ו'


| | |
|---|---|
| **04** | שטעטל נייעס |
| **08** | וועלטליכע נייעס |
| **10** | מעשה פון תפילה |
| **11** | אלק און אלטעמען |
| **12** | צום פינטל |
| **14** | א ווארט צווי |
| **16** | קוק אהער |
| **18** | בריוו פון ראש ישיבה |
| **22** | גליון לייין |
| **30** | היכל הלכה |
| **32** | געדאנקען |
| **38** | געשעעניש |





















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב וויס, ישראל דוד העסקעס, משה אהרי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס.


# בלעטל


**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל: 053.315.6938



כל הזכויות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן שטיקער פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

ב"ה

מיר ווילן אויסדרוקן א הארציגן

# מזל טוב

פאר ידידנו היקר

# מו"ה יוסף דינגער הי"ו

**לרגל הולדת בנו למזל טוב**

ביי דער געלעגנהייט ווילן מיר אויסדרוקן אונזער געוואלדיגע הכרת הטוב פאר די אימערמידליכע ארבעט וואס ר' יוסף נ"י לייגט אריין אז מען זאל קענען אויפקומען כסדר מיט די נויטיגע פאנדן צו צאלן די לומדי הכולל.

עס איז שווער ארויסצוברענגען מיט ווערטער ר' יוסף'ס גרויסע און ברייטע לייסטונגען פאר די כולל, סיי פאר די כסדר'דיגע פעיראלל און סיי פאר אויסשטעלן בעסערע מהלכים אז די כולל פאנדרעיזינג אפאראט זאל ווערן וואס אמאל בעסער און שענער.

אשריך ר' יוסף! וואיל איז דיר אז דו געבסט דיך אוועק בלב ונפש צו העלפן די לומדי הכולל זאלן קענען נעמען אויף זיך די עול תורה אומגעשטערט. דער אייבערשטער זאל העלפן די זכות החזקת התורה זאל דיר ביישטיין זאלסט זען נחת פון די קינדער און זאלסט קענען ווייטער העלפן די ראש ישיבה שליט"א מיט וואס נאר מעגליך, און אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט "ביי ווען איך נעם געב איך".

משה ארי' שניטצלער - מנהל הכולל

dominogrp.com

# שטעטל נייעס



## ב"ה אריין אין קאנטראקט פאר פרישער בנין המוסדות

גאר פרייליכע נייעס האט זיך אנגעהויבן הערן דא און דארט איבער א נייעם בנין וואס די הנהלה ארבעט אפצוקויפן פאר די ברסלב'ע מוסדות אינעם שטעטל.

עס האט זיך אנגעהויבן ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט געבעטן פון די הנהלה זיי זאלן אריינקוקן דעריין, און זען אויב עס איז דא א מעגליכקייט אפצוקויפן דעם גרויסן און פעסטן פינף שטאקיגן בנין וואס שטייט הארט נעבן דעם בנין המוסדות אויף טשעסנאט סטריט, כדי צו האבן מער פלאץ פאר די פרישע קלאסן וואס עפענען זיך יעדעס יאר ברוך השם, סיי ביי די אינגלעך און סיי ביי די מיידלעך.

ווען דער הנהלה מעמבער מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו האט אנגעהויבן אריינקוקן דעריין, האט ער זיך געזען שטיין פאר א וואנט; ער האט נישט געקענט געפינען ווער דער בעל הבית איז, און צי עס איז בכלל דא איבער וואס צו רעדן איבער עס אפקויפן, היות דער בנין האט פיינע הכנסות פון די טענענטס וואס וואינען דארט, איז נישט געווען קיין עכטע סיבה פארוואס מען זאל עס וועלן פארקויפן ווייטער.

נאכן בעטן דעם אייבערשטן איז אים געלונגען געוואר צו ווערן אז דער בעל הבית וואוינט גאר אין יאפאן, אבער מער פון דעם איז מען נישט אנגעקומען צו ווייט.

אזוי איז דורך א שטיק צייט, ביז איין שיינעם טאג - אזוי בהשגחה פרטיות - האט ר' מנחם באמערקט אז דער בנין איז גאר אויפן מארקעט, און מען זוכט א קונה וואס זאל עס אפקויפן.

ער האט תיכף גערופן דעם אנגעגעבענעם נומער זאגנדיג אז ער איז א פאטענציאלער קונה. זיי האבן איבערגעגעבן דעם פרייז, און מען האט אנגעהויבן אנגרייטן א קאנטראקט כדי צו קענען שליסן דעם געשעפט ווי אמשנעלסטן. אבער נאך בלויז עטליכע טעג האבן זיי צוריקגערופן זאגן אז עס איז אפירגעקומען א פרישע קונה וואס וויל אפקויפן דעם בנין, בלית ברירה האט מען אונטערגעשריבן דעם קאנטראקט פארן העכערן סכום, נאך איידער עס וועט ארויפגיין נאך מער.

דא קומען מיר אן צו וואו מיר האלטן יעצט: די מעשה האלט ביי דעם פונקט אז מען דארף שאפן דעם גאנצן סכום אפצוקויפן דעם בנין, וואס דער פרייז דערפון באטרעפט א סך הכל פון צוויי מיליאן דאלער.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געשטעלט אונזער אלעמען באקאנטן עסקן מו"ה אהרן פיש הי"ו צוזאמצוקלאפן דעם סכום, כדי צו קענען שליסן דעם מקח קומענדיגע וואך. רופט יעצט צו מנדב זיין א באדייטנדן סכום אדער בארגן א סכום געלט פאר אונזערע קינדער: 347-889-9892.

צום שלוס וועלן מיר אראפברענגען אביסל די היסטאריע פון אט דעם בנין. ווי די ליינער האבן שוין געליינט דעם פארגאנגענעם יום טוב פסח אין "בלעטל", וואו מיר האבן באשריבן די היסטאריע פון ליבערטי און וואס עס האט זיך דארט אלץ אפגעטון אין ליבערטי פון א אידישן שטאנדפונקט. די היסטאריע ווייזט אז

**גרשון קרעמער**

אסאך פון די גרעסטע און מערסט סוקסעספולע זומער-האטעלן אין די קעטסקילס צווישן די יארן צווישן די יארן תר"נ און תרע"ה (1890-1915 למספרם), האבן זיך געפונען אין און ארום דעם שטעטל ליבערטי.

קיין איינע פון די אלע האטעלן פון יענע צייטן האבן נישט זוכה געווען איבערצולעבן: דער "סוואנאנא" האטעל האט אפגעברענט אין יאר תרע"ב (1912), דער "וואוואנדא" האטעל אין תרע"ד (1914), און דער "יע לאנקאשיר" האטעל איז פארברענט געווארן אין יאר תר"פ (1920).

אויסער איין באקאנטער רעזארט אין ליבערטי האט נישט נאר איבערגעלעבט, נאר איז געווארן איינע פון די מערסט בארימטע נעמען אין דעם גאנצן געגנט. דאס איז געווען דער "האלל הויז" (Hall House), וואס איז שפעטער געווארן באקאנט אלס דער "האטעל לענאפע" (Hotel Lenape). דאס איז טאקע דער בנין איבער וועלכן מיר רעדן יעצט.

דער "האלל הויז", גערופן נאך זיין אייגנטומער דזשיי. סי. האלל, האט זיך געעפנט אין יאר 1890. אלס אן עכטער רעזארט פונעם אלטן שניט. אין די עדס פלעגן זיי שרייבן אז דער האטעל געפינט זיך הויך אויף א בארג אינעם דארף, ארומגענומען מיט שיינע שאטנדיגעביימער.

דער האטעל האט פארמאגט 50 שיינע, לופטיגע און באקוועמע צימערן. עס איז געווען באלויכטן מיט עלעקטריסיטי, וואס איז געווען גאר מאדערן פאר יענע צייטן. פונעם פארטש האט מען געהאט א הערליכן פאנאראמישן בליק איבערן גאנצן ארומיגן געגנט.

אבער די צייטן האבן זיך געטוישט. די פשוט'ע פארוויילונגען וואס דער האלל הויז האט אנגעבאטן, זענען שוין נישט געווען גענוג פאר די מער פארגעשריטענע טוריסטן פונעם נייעם 20'סטן יארהונדערט. און ווי רוב רעזארטן פון יענע צייט, האט דער האטעל אויך אנגעהויבן שטארק צו גיין בארג אראפ.

אבער אנדערש ווי די אנדערע, האבן די נייע אייגנטומער באוויזן דאס צו האלטן אפן; זיי האבן עס אינגאנצן איבערגעבויט און געטוישט דעם קאנצעפט. עס האט מער נישט געהייסן קיין רעזארט, נאר פשוט א מאדערנער, שטאטישער האטעל מיטן נאמען "האטעל לענאפע".

די פלענער פארן נייעם האטעל זענען געווארן אנאנסירט מיט גרויס פאמפע אין די נייעס, אין יולי 1927: "עס ווערט באריכטעט אומאפיציעל אז די דירעקטארן פון די 'האלל הויז קארפארעישן' פלאנירן צו טוישן דעם נאמען צו 'האטעל לענאפע'. עס הייסט אז די זאך איז שוין כמעט אפגעמאכט," האט די צייטונג געשריבן, צוגעבנדיג אז מיטן עפענען א נייע רייכע ציגעלנע געביידע, וועלן די אייגנטומער פטור ווערן פונעם אלטמאדישן טעם וואס דאסווארט 'הויז' (House) ברענגט מיט זיך.

מאנטאג, דעם 10'טן פעברואר, 1930, האט זיך די נייע געביידע געעפנט מיט גרויס כבוד. דאס איז געווען א הערליכער בנין געבויט פון רויטע ציגל אין א מאדערנעם "דזשארדזשיען" סטיל, דיזיינט דורך די באקאנטע אלבאני ארכיטעקטן "פעמבער און דעמערס" (עס פארמאגט נאך היינט די זעלבע רויטע ציגל).

די ערשטע געסט זענען געווען איבער 280 באטייליגטע ביי א גרויסן פאליטישן פארטיי-דינער. דער האטעל איז באגריסט געווארן אלס "דער מערסט מאדערנער בנין אינדרויסן פון די גרויסע שטעט". ער האט פארמאגט א ריזיגן לאבי וואס איז געווען הויך גאנצע צוויי שטאק, 50 געסט-צימערן, און א גרויסן זאל צום עסן פאר 300 מענטשן.

פון יענעם טאג אן איז דער "האטעל לענאפע" געווארן דאס הארץ פונעם שטעטל ליבערטי. דארט זענען פארגעקומען די וויכטיגסטע פאליטישע דינערס, חתונות, אווענטן, קאמפיינס און אלע סארט אונטערנעמונגען, ביז ער האט צום סוף ענדגילטיג פארמאכט די טירן דעם 24'סטן יאנואר, 1970.

שפעטער איז די אלטע געביידע איבערגעמאכט געווארן פאר אפארטמענטס פאר עלטערע לייט וואס האבן נישט קיין גרויסע הכנסות. דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל האבן כח אנצוגיין ווייטער מיט די הייליגע מוסדות, און מיר זאלן אלע קענען אויפשטעלן לעכטיגע אידישע דורות וואס פירן זיך מיט די עצות פונעם הייליגן רבי'ן.

**בורא עולם בקנין השלם זה הבנין.**

הער א מעשה

הערשי זאבעל פארציילט: איך בין א בוכהאלטער ווי אלע ווייסן און מיין ארבעט ווערט געטון בעיקר אויפן קאמפיוטער. איין טאג לעצטע וואך קום איך אריין אין אפיס איך וויל אנצינדן מיין קאמפיוטער אבער דער זיצט ווי א טויטע קלאץ און ווי איר קענט פארשטיין בין איך אן קיין קאמפיוטער ווי א גראסערי אן קיין עסן... איך האב געדארפט א נס דא האב איך שנעל ארויסגענומען מיין טעלעפאון און געגעבן א סכום הגון אויף בי. פעי פאר קופת רבי מאיר בעל הנס און אויפן פלאץ האט זיך מיין קאמפיוטער אנגעצינדן כאילו לא היה!

# די קאמפיוטער האט געהאט תחית המתים!




ווייל ישועות פועל'ט מען ביי רבי מאיר.

די ישועות קוואל איז אפן:

רופט דער גבאי
347 466 2410

מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש
אלקא דמאיר ענני

ישועות ביי רבי מאיר

*sruliHeskel

# שבוח פארן נעמען א

# זכות נצחי

## אין מיין לימוד התורה!




### ז כ ו ת י ם

| קלאס א' | קלאס ב' | קלאס ג' | קלאס ד' | חדר המנהל |
|---|---|---|---|---|
| נמכר | נמכר | | | |

צו נעמען א זכות אינעם בנין קען מען זיך ווענדן
צו די געטרייע גבאים פון 'קרן הבנין'

מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו
347.997.2348

מו"ה שבתי מארקוס הי"ו
347.735.9688


*sruliHeskel

גרשון קרעמער




## האריקעין סעזאן הייבט זיך אן רואיגער ווי געווענליך

אין די טעג זענען מיר אריינגעטרעטן אין דעם יערליכן האריקעין סעזאן, וועלכער לויפט צווישן די חדשים פון יוני ביז נאוועמבער למספרם.

אין גוטע נייעס, זאגט די NOAA (די וועטער אגענטור פון די אמעריקאנער רעגירונג) פאראויס פאר דעם יאר תשפ"ו א נידריגערע האריקעין סעזאן ווי געווענליך.

דאס איז אנדערש ווי אין די לעצטע צען יאר, וואס זיי האבן יעדעס יאר פאראויסגעזאגט א מער אקטיוו סעזאן.

לויט זייער יעצטיגער שאצונג, וועלן זיין בלויז צווישן 8 און 14 שטורעמס וואס וועלן באקומען א נאמען. (ווען א סיסטעם אנטוויקלט זיך אלס א טראפישער שטורעם, געבן זיי א נאמען פאר'ן שטורעם.

למשל, צווישן די האריקעינס וואס אסאך וועלן געדענקען, ציילן זיך "האריקעין סענדי" אדער "האריקעין איירין". די סיבה פארוואס מען געבט א נאמען איז פשוט צוליב פראקטישקייט, מען זאל גרינג קענען אידענטיפיצירן פון וועלכן האריקעין מען רעדט.)

בלויז 3 ביז 6 שטורעמס, זאגן זיי, וועלן זיך אנטוויקלען אלס האריקעינס, און נישט מער ווי 1 ביז 3 וועלן ווערן ערנסטע האריקעינס. עס דארף באמערקט ווערן אז אפילו ביי די ערנסטע האריקעינס זענען דא אסאך וואס בלייבן איבער'ן וואסער און קומען קיינמאל נישט אן צו די יבשה.

דער אייבערשטער איז דער משנה עתים ומחליף את הזמנים, און ער זאגט פונקטליך פאר יעדן וואלקן וואו און ווען ער זאל קומען און גיין.

מיט'ן אייבערשטנס הילף וועט זיין אסאך גשמי ברכה דאס יאר, און עס וועלן נישט אויסברעכן קיין שעדליכע שטורעמס, ווייל אידישע קינדער זענען מתפלל און דער אייבערשטער הערט אויס.

די וועטער אגענטור לייגט אן דעם שוואכן האריקעין סעזאן אויף דעם וואס עס ווערט ערווארטעט אז עס וועט זיך אנטוויקלען אן "על ניניא" סיסטעם אינעם פאציפישן אקעאן, וואס דאס שטערט די ווינטן פון זיך אנטוויקלען אלס אן ערנסטער שטורעם.

עס בלייבט נאר איבער צו דאנקען דעם אייבערשטן פאר די זון, רעגן, שניי און טוי, צווישן אלע אנדערע גוטע זאכן וואס ער געבט אונז. די זון און דער רעגן געבן פאר דיביימער און גראז די נוטרישן (נארונג) זיי זאלן קענען שיין וואקסן, און דערנאך קענען מיר ארויסגיין שעפן פרישע לופט צווישן די גראז און ביימער און רעדן צום אייבערשטן, וואס נאר אזוי קענען מיר אנגיין.

### משנה עתים ומחליף את הזמנים



מיט גרויס פריידן טוען מיר וואונטשן א ברכת מזל טוב פאר אונזער טייערע חבר וועלכער שטייט לימין קודש פון דעם הייליגן מוסד קרן הצלה על טהרת הקודש בכל עת ובכל שעה

## מו"ה
## אלי לב טבריה
## הי"ו וזוגתו תחי'

לרגל
הולדת בנו
נחמן נתן
למזל טוב

ווי אויך טוען מיר וואונטשן א הערצליכן ברכת מזל טוב פאר אונזער חבר און תומך

## מו"ה
## ישראל יאזשף ירושלים
## הי"ו וזוגתו תחי'

לרגל
די בר מצוה
פון בנו הבחור
משה אריה נ"י

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט זען אסאך אידיש נחת פון אלע אייערע קינדער געזונטערהייט.

די ישועות קוואל איז אפן:
רופט דער גבאי
347 466 2410

מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש
אלקא דמאיר ענני

ישועות
ד' רבי מאיר

*gruliHeskel

# מעשיות פון תפילה



**יצחק אייזיק ראזענבוים** | קרית יואל

איך האב געהאט א ציין וואס האט אנגעהויבן שטארק ווייטון, עס איז געווען א רוט-קאנאל וואס איך האב געדארפט קעיר נעמען.

נאכן גיין צום דענטיסט האט ער מיר געזאגט אז די איינציגסטע עצה איז צו מאכן אן אימפלאנט. וויבאלד איך האב נישט געהאט קיין אנדערע ברירה, האב איך געמאכט אן אפוינטמענט.

ברוך השם אז אלעס איז אדורכגעגאנגען בשלום ווי עס דארף צו זיין, און די ציין-ווייטאג איז אוועקגעגאנגען.

איין טאג שטיי איך אויף אינדערפרי און איך שפיר ווי עפעס א שטיקל ליגט ביי יענע ציין. איך האב אנגעהויבן טראכטן אז דאס האט מסתמא א שייכות מיט דעם וואס דער דענטיסט האט געמאכט, און אז א שטיקל וואס ער האט דארט אריינגעלייגט איז ארויסגעקומען.

איך האב זייער נישט געוואלט דארפן צוריקגיין צום דענטיסט און איבערמאכן די גאנצע מעשה. איך האב שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז די זאך זאל זיך מסדר זיין אן דארפן גיין צום דענטיסט.

נאך עטליכע מינוט פון פרובירן געוואר צו ווערן וואס דאס קען זיין, זע איך פלוצלינג אז איך האלט אין מיין האנט א קערל פון א מעלאנע, וואס האט זיך דארט באזעצט נאך פונעם פריערדיגן טאג. איך האב עס בכלל נישט באמערקט אדער געפילט ביז יעצט, ווען עס איז ארויסגעקומען. שכח אייבערשטער אז איך בין אפגעקומען מיט בלויז א שרעק.

שכח אייבערשטער!

**שלמה רוטה** | קרית ברסלב

מיין טעלעפאן האט די סערוויס פון US Mobile. איך האב וויכטיג געדארפט רעדן מיט זיי וועגן מיין סערוויס, אבער ווען איך האב אריינגערופן האט קיינער נישט אויפגעהויבן, אפילו נאכן ווארטן א לאנגע צייט.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז קומענדיגע מאל ווען איך רוף זאלן זיי גלייך אויפהייבן און מיר העלפן מיט וואס איך דארף.

שכח אייבערשטער אז דאסמאל האב איך נישט געדארפט ווארטן לאנג; זיי האבן אויפגעהויבן און מיר געהאלפן מיט אלעם וואס איך האב געדארפט האבן.

שכח אייבערשטער!

# אלץ און אלעמען

פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

alemen@bletelmagazine.com - 845-445-7447



## קינדער בליען און וואקסן

**שאלה**

איך קוק אלטע בילדער פון ווען איך בין געווען א קליין קינד, און איך זע אז דעמאלט בין איך געווען פון די העכסטע אין קלאס, העכער פון אסאך חברים. היינט אבער זע איך אז טייל פון יענע קינדער זענען שוין העכער פון מיר.

וויאזוי ארבעט דאס? וויאזוי קען זיין אז איינער איז נידעריג אלס יונג קינד און שפעטער וואקסט ער מער פון אנדערע?

**ענטפער**

דו פרעגסט דאך זייער גוט.

אבער דער אמת איז נישט ממש אזוי. נישט יעדער וואקסט פיזיש אין די זעלבע צייט. דער אייבערשטער האט איינגעלייגט אין יעדעס קינד באזונדער אן אייגענעם "וואוקס-פלאן" וואס ליגט אין זיינע דזשינס (גענעס). געוויסע קינדער וואקסן מער אין די יונגע יארן, אנדערע וואקסן שפעטער, און עס זענען דא אזעלכע וואס וואקסן כסדר.

דערפאר קען זיך מאכן אסאך מאל אז א קינד ווערט זיין פון די העכסטע אין זיין קלאס ביז די צען יאר, ווייל ער האט אנגעהויבן וואקסן פריער. אבער א צווייט קינד, וואס איז ביז יעצט געווען פון די "קליינע", הייבט יעצט אן זיין "וואוקס-שפרונג" און ער ווערט גאנץ שנעל איבערוואקסן אסאך פון זיינע חברים.

אין וואס ווענדט זיך די הויכקייט פון א מענטש? עס ווענדט זיך אין אסאך זאכן; צווישן זיי רעכענען זיך די דזשינס (גענעס), וואוקס-הארמאנען, געזונט שלאף, און א געזונטע נערהונג.

ברוחניות איז ממש די זעלבע: לאמיר נעמען אלס ביישפיל דעם הייליגן תנא רבי עקיבא; איך מיין אז יעדער קען די מעשה, ער איז געווען א גרויסער עם הארץ, און נישט בלויז ער האט נישט געקענט לערנען, נאר ער האט פיינט געהאט יעדן תלמיד חכם. ווען עקיבא איז געווען דרייסיג יאר אלט, זענען שוין זיינע חברים פון זיין יארגאנג געווען זייער גרויס; אסאך פון זיי האבן שוין גע'פסק'ענט שאלות, פארגעלערנט שיעורים, און זענען געווען פון די גרויסע ערליכע אידן.

ביי די פערציג יאר האט ער ערשט געלערנט די אל"ף בי"ת, אבער עס איז נישט דורך קיין סאך צייט און ער האט אנגעהויבן וואקסן. ער איז געווארן דער רבי פון כלל ישראל; ער איז שוין נישט געווען דער פאסטוך עקיבא, נאר דער הייליגער תנא רבי עקיבא, דער רבי פון רבי שמעון בר יוחאי, דער מחבר פונעם הייליגן זוהר, וואס נאר אין זייער זכות קענען מיר זיך האלטן אין גלות שוין כמעט צוויי טויזנט יאר.

דער עיקר, קוק נישט אויף א צווייטן - סיי פיזיש און סיי גייסטיש. גיי אן מיט דיין לעבן, וואקס אויף דיין אייגענעם גאנג, און ווער דאס בעסטע און העכסטע "איך" וואס דו קענסט נאר זיין.

**צדיקים ילכו בם**

# ווי אזוי קריכסטו אויף דער וועלט

ד

א, ער קריכט נאך אלס... נישט צום גלייבן... פון וואו נעמט ער די כוחות... וואאוו! ער קריכט דארט... פלאי פלאים, דאס איז ממש למעלה מהשגותינו! ניין?

איז איך וועל אייך נישט האלטן געשפאנט. איר זענט זיכער אז מ'רעדט דא פון א "מאונטען קליימער", א יונג וואס האט פיל איבריג צייט און ער פרובירט צו ברעכן די "גינעס וואלרד רעקארד", אז ער האט דאס מערסטע מאל געבראכן... אינמיטן ארויפקריכן אויפן העכסטן בארג, אן קיין שטריק, מיט געלע קראקס, אן קיין אקסידזשען, מיט ברייטע הויזן, אן קיין גלעזער, אין די גרעסטע זומער פרעסטן, בקיצור...

ניין, מען רעדט דא בכלל נישט פון אזא איינעם.

אונזער מעשה הייבט זיך אן אין די שפעטע נאכט שעות. ששששש, שששש, שא שטיל! אלעס איז שוין אוועקגעפאקט, די בעזעם און די שאוול ליגן שוין אין פלאץ, די לעקטערס זענען פארלאשן, דאס געשיר ליגט שוין אויף די פאליצעס, און די שיך ליגן (יא, שאאר!) אין א רייע ווי לאנדאנער סאלדאטן. אזוי אז ווען די באס וועט קומען מארגן אינדערפרי און שוין האלטן אינמיטן אוועקפארן... א מינוט, א מינוט... צווישן מאכן די לינקע פאה און אריינלייגן דאס דריטע קנעפל פונעם העמד אינעם פערטן לאך (לאך, נישט לאך...), זאל מען (נישט?) דארפן זוכן און איבערדרייען דאס גאנצע הויז מיט א מעשה פון תפילה אז מען האט... ההההה... געטראפן די שיך אויפן זעלבן פלאץ - יא, צוגעטראפן - דארט וואו מען האט עס אויסגעטון נעכטן...

איז האלטן מיר יעצט אין די שפעטע, טונקעלע נאכט שעה'ן. חוץ דעם זייגער איז יעדער שטיל; די זייגער גיט ארויס יעדע סעקונדע נאך אזא שטילן סיגנאל. יא! מיר זענען עטוואס נענטער צו נאך א טאג - א שיינע טאג, א ריינע טאג, א ערליכע ערליכע טאג. אלעס קלאפט ווי... א זייגער, און אונזער מעשה הייבט זיך אן.

ער קריכט, ער קריכט דארט, א קליינער "פינאט" (אן אמעריקאנער ניסל בלע"ז). פארענט האט ער א קאפ און פון אונטן האט ער א קאפ, אזוי אז מען קען נישט וויסן וואס איז דער קאפ און וואס זענען די פיס, און אינדערצווישן פון די צוויי טיילן ליגט אזא מין האלז. (ווער ווייסט, אפשר וועט זיין אין "קינדערהיים" אזא שאלה: "פארוואס דארף א מורישקע האבן א שטיקל אינדערמיט?" און ווען מען וועט איבערדרייען דאס בלעטל וועט מען זען דעם תירוץ: "כדי עס זאל האלטן דעם בערגל פון הינטן צוזאמען מיט דעם בערגל פון פראנויס"...)

איז צוריק צו די דראמע. לא ארכו הימים, די מעשה האט שוין באקומען א מורישקע אינדערמיט. די מורישקע איז פארכאפט געווארן אין די וואנע; ווי לאנג ער געפינט זיך שוין דארט, ווייסט איין באשעפער, אבער פון ווען מיר האבן אנגעהויבן האלטן חשבון, איז שוין געווען נאך חצות.

דער ערליכער מורישקע טוט אלעס אין די וועלט מקיים צו זיין וואס זיין מאמע האט אים געהייסן - אהיימקומען ווי שנעלער - און דער מורישקע מאכט זיין וועג אהיים. ער קריכט ארויף, ארויף, ארויף, ארויף העכער העכער העכער, און... באממססס, קראך, אראפגעטראסקעט...

אזוי שטייט דער מורישקע און קריכט און קריכט און קריכט. ווער ווייסט, אולי, אפשר, טאמער אויב איימיצער שטייט פון אויבן און שרייט: "העלאו! דראפע זיך און דערהאלט זיך!" ער איז זיך דאך נאך אלעמען פארט נישט ערגעץ אנדערש ווי אין א ברסלב'ע וואנע, וואס געפינט זיך אין א ברסלב'ע שטוב, וואס געפינט זיך אינעם ברסלב'ן שטעטל.

די מעשה ווערט מער און מער אנגעצויגן און געשפאנט, ווען דער מלאך החלומות פרובירט מיר איינצורעדן מעשיות... און מיט יעדע פארבייגייענדיגע שעה ווערן די מעשיות פונעם מלאך החלומות מער און מער

נקודות וואס
דערגרייכן דאס
פינטעלע איד

**הרב אברהם משה שטראסער**

אינטערעסאנט און עכט.

וואדי מעשה מיט אים? פארוואס גיט ער נישט ארויס א בוך? די קינדער וואלטן זיך מחחחחחחחחיה געווען מיט אזא סטארי... אזא בעקער צו זיין!

אבער אין די זעלבע צייט וואס מיין נשמה זאגט אויבן אין הימל אז איך האב געזאגט פארן אייבערשטן – איידער איך בין געגאנגען שלאפן – אז איך גיי שוין זיין א גוטער איד, איך וויל זיין גוט און איך וויל זיין בעסער, "העלף מיך ווייל איך בין נאר א מענטש און איך וויל באמת זיין גוט", אין די זעלבע צייט פרובירט דער מורישקע מיט אזא אייפער און מיט אזא התלהבות זיין ראוט נאכאמאל, כאילו דאס וואלט געווען דאס סאמע ערשטע מאל אין לעבן וואס ער הייבט אן קריכן אויף גראדע ווענט.

און... וואס מיינט איר... עודך א טראסק... אזש אלע מורישקעס האבן זיך ווידער אויפגעוועקט... אבער ער גיט נישט אויף, דער שווארצער קליינער צאללאזע פיסיגע חי'לע איז ווידער אינטערוועגנס. הלוואי אויף מיר געזאגט... אזא עקסערסייז! איך וואלט איבערנאכט פארלוירן אלע מיינע איבריגע פונטן; נאכן קריכן אויף גראדע ווענט א גאנצע נאכט, ווער דארף נאך די "קווישער סקיני דייעט"? מענטשן וואלטן מיך בכלל נישט דערקענט...

ער קריכט און קריכט און קריכט, און איך וויל אים פרעגן: "וואזשע קריכסטו אויף דער וועלט?" אבער איך כראפעץ און איך שלאף... איך בין פארכאפט אין א דראמאטישער פארזעצונג וואס דער מלאך החלומות האלט מיר אין איין אונטעררוקן...

ביז דער אומגעוואונטשענער גאסט האט זיך פלוצים ארייגעריקט אינעם חלום: דער וועקער זייגער... וואס וויל ער?

וואס וויל ער? גארנישט!! וואס ביסטו אזוי ברוגז? ער וויל סך הכל דו זאלסט כאפן סוף זמן קריאת שמע! שטעל דיר פאר דו געבסט דיך א דרעזג א 12 אזייגער און דו ביסט נאך אין פידזשאמעס... אקעי אקעי, שריי נישט, איך בין דיר מוחל טייערער זייגער, דו קענסט פייפן, איך שטיי שוין אויף, שריי נישט, אקעי...

אבער דו ווייסט נישט גלייבן, די וואנט שטייט נאך... יא, נאטירליך, און איינער איז דארט... יענער נעמט נישט קיין שויער... ער באדט זיך אויך נישט אפ... עס איז דאס מורישקעלע; ער פרובירט נאכאמאל, יעצט 5 צו 9 כאילו נישט אים מיינט מען דא בכלל, ער קריכט, ער קריכט, ער קריכט, העכער, העכער, העכער... העכער אדער בעכער... העכער און באמפס, א טראסק. שוין געננוג? ניין? ניין! ער קריכט ווייטער.

און איך שטיי אין די זייט און איך טראכט מיט פארדאכט יא... עס קומט א גרויסע... אממ... קראך... נאכאמאל? וואס איז די מעשה דא מיט דעם מורישקע? פון וואו נעמט ער די כוחות? ער זעט נישט אז ס'ארבעט נישט, איז נישט?

און איך טראכט: וואס טוט זיך דא מיט מיר? פארוואס קען איך נישט טון דאס זעלביגע? איך האב פרובירט, און נאכאמאל פרובירט, און נאכאמאל פרובירט - שוין, וויפיל איז דער שיעור? איך געב אויף! פארוואס קען איך נישט מאכן דעם זעלבן חשבון - אדער נישט קיין חשבון - ווי די מורישקע, און פשוט נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל אנהייבן?

אה! זייער גוט געפרעגט, און איך וועל דיר ענטפערן: ער האט נישט קיין יצר הרע. יא, יא, ער האט נישט די מתנה וואס מיר האבן; ער קען ווי א מאשין קריכן און קריכן, און נישט כאפן אז: "העלאו! געב אויף!"

## הלוואי אויף מיר געזאגט... אזא עקסערסייז! איך וואלט איבערנאכט פארלוירן אלע מיינע איבריגע פונטן; נאכן קריכן אויף גראדע ווענט א גאנצע נאכט, ווער דארף נאך די "קווישער סקיני דייעט"?

אבער מיר האט דער אייבערשטער געגעבן א מתנה, א יצר הרע, כדי מיר צו געבן שכר. אז ווען די טראסק פאסירט צום טויזנטסטן מאל, זאל איך זאגן: "אייבערשטער, איך קען נישט מער! איך בין א מענטש, נישט קיין מורישקע. איך בעט דיר, העלף מיר העלף מיר אנהייבן די טויזנט און איינסטע מאל!" ווערסטו זען אז דו ווערסט קענען.

דאס איז די לימוד פון קבלת התורה וואס דער רבי ברענגט אין אונז אריין. דער רבי האט אנגעהויבן "טויזנט מאל א טאג". פרעגסטו יעצט: ווי אזוי? ווייל ער האט געזאגט: "אייבערשטער, איך קען נישט אליין, איך קען נישט מער; העלף מיך אנהייבן נאכאמאל, אפילו איך האב שוין אנגעהויבן טויזנט מאל."

# א ווארט צוויי

שיקט אריין אייער ווארט צוויי צו:
avorttzvei@bletelmagazine.com

בילד פון די וואך



## אפפעל פאלט נישט ווייט

האחים אפפעל, אנגעזעענע מעמבערס אין ליבערטי פייער דיפארטמענט ווערן געזען ביים לעשן א פייער אין ליבערטי, ברוך השם אן קיין געשעדיגטע

## מלא וגדוש

רענדאם טראנק פון א בלויזע בית התבשיל חלוקה דורכגייער, ווערנדיג איבערצייגט וואספארא פיינע סחורה בית התבשיל ברענגט




## גורל אחד לה'

געזען געווארן הענגען אין בית המדרש האשק, למען קדושת בית מדרש

בס"ד

א חשובער איד פראקלאמירט - ספעציעל פאר די תושבי קרית ברסלב - אן איינמאליגער גורל, צו אויסצאלן אייער טיקעט קיין אומאן (ביז $1500), אויב איר נעמט זיך פאר נישט צו רעדן ביי הויכע שמונה עשרה.

אריינצוגיין אינעם גורל ביטע פארבונדט זיך מיטן שמש מו"ה ישראל פוקס הי"ו.

אזוי אויך איז דא אין די טעג א גורל אויף א מיליאן דאלער וואס וועט גיין פאר אייער בית המדרש וואו איר דאווענט, פאר ווער עס נעמט זיך אינטער צען קבלות לכבוד בית המדרש.

אריינצוגיין אינעם גורל רופט 212-299-9185

אדער אויף https://ktyt.org/kabula

*הוא יברך את כל מי ששומר פיו ולשונו שלא לדבר בעת התפלה*

זאצן וואס
פארדינען
שטערכלער

• בערל שניצלער

גוטזאגער

"פאר די בעסטע דעם
אייבערשטן פאר מארגן,
געדענקן די טעג ווען די
האסט געבעטן פאר די
זאכן וואס די האסט היינט."

## סיפורי מעשיות וועקט אויף פון שלאף

"מגיד שבחו של אהרן שלא שינה', אז מען רעדט פון צדיקים, מען דרייט זיך ביי צדיקים מען איז מגיד שבחו של אהרן, דאס איז מסוגל 'שלא שינה', מען זאל נישט איינשלאפן."

א פייערדיג פשט געהערט געווארן פון דומ"ץ קרית ברסלב שליט"א ביי סיפורי מעשיות פרשת בהעלותך

פריידיגער

"איך וועל זיי אזוי ליב האבן, ביז זיי וועלן פאלגן וואס איך לערן זיי, און וואס איך פארלאנג פון זיי!"

- אהבת ישראל זי"ע, ווען ער האט זיך געצויגן קיין מאראמאראש, און מ'האט אים געפרעגט וויאזוי ער וועט צוריק ברענגען צום אייבערשטן די ארטיגע אידישע קינדער וואס זענען נעבעך אזוי וייט פונעם דרך התורה והמצוות

## אומפארגינענדע אנטיסעמיטיזם

"רעדנדיג מיט א איד פון אייע פון די געשמאקסטע נושאים ביי כלל ישראל וואס רופט זיך 'אנטיסעמיטיזם' ווי מען שפירט גוט אז מען איז א רחמנות אז דער גוי האט געגעבן אויפן א איד א קרום מיט די נאז, כאילו דאס איז דער פראבלעם וואס דער גלות פלאגט אונז, האט ער מיר א פרעג געטאן צו אין ליבערטי איז אויך דא אנטיסעמיטיזם, איך האב אים געענטפערט אז איך פרובירן זייער אז ארום מיר זאל נישט זיין קיין אנטיסעמיטיזם, איך זאל עס נישט אנזיין פאר מייע ארומיגע"...

ר' ישראל יוסף שניצלער ביים שיעור סיפורי מעשיות פאראפענעם שבת אינדערפרי אין בית המדרש רחוב ירושלים ד'קרית ברסלב

*א ווארט צווייי פונעם ראש ישיבה שליט"א:*

## חוץ לישוב

"ווען די קומסט אריין צום שיעור ליל שישי, וואס שפירסטו? התחזקות? ווען ... קומט אריין שפירט ער 'פארפאלן, דער ראש ישיבה האט עס, ער האט א געפאקטע בית מדרש ביי זיין שיעור'... ער איז געזעצן ביים זעלבן שיעור ווי דיר, אבער נישט געהערט קיין איין ווארט התחזקות וואס די האסט געהערט"...

דער ראש ישיבה אין א שמועס פאר מנחה פארגאנגענעם שבת קודש בהעלותך אינעם נייעם געגנט אין קרית ברסלב, ארומרעדנדיג וואס דער רבי טוט מיט אלץ אונז. **"דער רבי נעמט אונז ארויס אינגאנצן פון די וועלט!"**

# קוק אהער

## ס'שמעקט נישט גוט

קענסט דעם פרייטאג נאכמיטאג שמעק?

די פאות טראפן נאך פון די מקוה, ביים קארנער שטייט דער רוסישער בלומען סוחר און ווארט איינער זאל זיך מרחם זיין. די חלות ווארעמען זיך שוין, און די פרידזשידער פארמאגט נישט קיין אין איבריגע האר פלאץ - ס'איז ערב שבת נאכמיטאג!

און אזוי אינמיטן דעם שטורעם ווערט אלעס שטיל. די קינדער זענען שוין איינגעפאקט אין זייערע בעטן צו זיין אויסגערוהט לכבוד שבת, די אשת חיל מאכט אירע הכנות פאר שבת. איך גיי אריין אין שלאף-שטוב, איך צינד אן דעם עיר קאנדישן, איך פאק זיך אריין אין בעט לכבוד שבת קודש און איך שלאף איין צו דעם זיסן קול פונעם עיר קאנדישן קאמפרעסער.

א שעה אהאלב דערויף עפענען זיך מיינע אויגעלעך און ס'נאגט מיר א דורשט. איך טו זיך איבער מיט די פרישע שבת'דיגע וועש, א קריספי טלית קטן אן קיין פלעק, און אין די שטילקייט פונעם ערב שבת לאז איך זיך אראפ אין קאך אריין.

מ'גייט מקיים זיין דעם "טועמיה חיים זכו". א פריזינג באטל סעלצער איז דער מחותן פון א הייסן טעלער טשאלנט מיט קוגל. איך ווארט נישט אויף קיין כיבודים, איך מאך א ערליכע ברכה, איך שליידער דעם טלית קטן אויפן רוקן - חלילה נישט שמוציג צו מאכן - איך בלאז אביסל אויפן הייסן לעפל און איך וויל זיך שוין מחיה זיין מיט מיין פיינעם טעלער טשאלנט. אבער וואס איז די מעשה דא? ס'האט נישט קיין טעם...

שוין, פונקט פארדעם מאכט מען דאך טועמיה... איך גיי גראד צום שאפע, איך זוך אפיר דאס זאלץ, און איידעלעררהייט שפרינקל איך ארויף אביסעלע זאלץ אויפן טעלער. איך נעם נאך א לעפל, אבער נאופ, נאך אלץ נישט; עס האט נישט קיין שום טעם.

איך נעם דעם זאלץ-מעסטל און איך הייב אן צו גיסן אן קיין רחמנות, דער טשאלנט זאל שוין קיין ברירה נישט האבן און ער זאל גוט זיין. איך נעם דעם לעפל מיט שטאלץ - יעצט וועט עס שוין זיכער זיין גוט - אבער ניין, נישט קיין טעם און נישט קיין ריח!

עד כאן! איך שאקל אויס די גאנצע פושקע זאלץ אריין אין מיין טעלער טשאלנט; יעצט זאל זיך דער טעלער אדער לייגן אדער בייגן. איך נעם א לעפל מיט שטאלץ, וויסנדיג אז דאס איז עס, אבער ניין - א טעם פון שטרוי.

איך געב א קוק אריין אינעם טעלער און איך זע אז א פארנט פון מיר זיצט א טעלער זאלץ מיט אביסל טשאלנט דא און דארט; עפעס איז דא נישט מסודר. איך גיי צום פרידזשידער, איך נעם א לעמאן, איך שנייד עס אין האלב און גראד קוועטש איך עס אריין אין מיין מויל. איך ווארט צו שפירן דעם זויערן ציפ, אבער גארנישט; עס האט דעם זעלבן טעם ווי דער טשאלנט!

איך נעם דעם לעמאן, איך קראץ די שאלעכץ און איך שמעק עס, אבער עס פארמאגט נישט קיין שמעק...

איך כאפ א בליק אויפן לוח און איך זע אז מיר האלטן אינעם יאר תש"פ. אה! איך האב קאוויד, לחיים!

און וואו קומט עס יעצט אריין?

ווייל פאריגע וואך פרייטאג נאכמיטאג האט זיך אפגעשפילט גענוי די זעלבע מעשה...

וואס איך נעם אין מויל פארמאגט נישט קיין טעם, וואס איך שמעק פארמאגט נישט קיין ריח - ברוך הבא, קאוויד איז דא!

שכח אייבערשטער אז די מקוה קאסט מיר נישט קיין צוואנציגער; שכח אייבערשטער אז ווען איך גיי אין שול דארף איך זיך נישט אויסדרייען צו זען אויב די געטרייע אידן, וואס געבן אכטונג אויף כל ישראל, כאפן מיך ביים "פארברעך" פון אריינגיין אין שול.

שכח אייבערשטער אז ווען איך גיי אין באנק מאכן א דעפאזיט דארף איך נישט אנטון קיין מאסק; שכח אייבערשטער אז ביים שמועסן מיט א חבר מעסט ער מיך נישט אפ די "סאושעל דיסטענס"; שכח אייבערשטער אז אין די צייטונגען שטייט נישט "זכרון להולכים" מיט פערציג פרישע נפטרים;

## דאס און יענץ מיט א טיפערע ארייענבליק

### ישראל דוד העסקעל



שכח אייבערשטער אז טראץ וואס מיין נאז רינט אביסל, לעב איך נישט אין קיין פחדים.

למעשה, שבת צופרי ביים עסן די אייער, טראכט איך אזוי צו זיך: איך עס דא מיט א גרויסן אפעטיט, איך בין אויף די מאכלי שבת גארנישט מוותר, אפילו איך שפיר נישט קיין שום טעם. יא, די פיינע ווארימע קריספי סאורדאו מיט די גוטע עגפלאנט, די פיש מיט די אייער, די טשערי סאודע מיט די טשאלענט – אלעס טעיסט די זעלבע: ווי גארנישט, ווי שטרוי, נישט קיין טעם און נישט קיין ריח.

אבער מיט גרויס אפעטיט האב איך פון אלעם געגעסן.

איי, פארוואס? אויב שפירט מען נישט קיין טעם, וואס איז די פוינט פון עסן? דו גייסט נעמען נאך א שטיקל חלה און דאס מאל עס טינקען אין די טאמעיטא דיפ, אבער עס גייט ווייטער טעיסטן פונקט ווי דאס פאריגע – ווי גארנישט. אויב אזוי, פארוואס עס איך?

לאז אפ, טראכט איך צו זיך; עס נישט, ווייל סיי ווי שפירסטו נישט קיין טעם אין גארנישט, און ווען די טעם וועט צוריק קומען וועסטו נאכאמאל אנהייבן צו עסן...

יעדער בר שכל ווייסט אבער אז דאס איז גאר קיין טענה נישט, ווייל דער גוף מוז האבן עסן כדי אן צו גיין און צו קענען פונקציאנירן. אויב וועסטו נישט געבן פארן גוף דאס עסן וואס ער דארף, וועט דער גוף זיך אויסשטרעקן ווי א פגר...

מיט די נשמה איז פונקט די זעלבע. יא, עס איז זייער שווער צו דאווענען אן קיין געפיל; זיך צו שטעלן אויפן פלאץ, נעמען א סידור און אנהייבן זאגן ווארט ביי ווארט אן גארנישט שפירן. עס איז ביטער שווער, דו שפירסט ממש ווי דו קייעסט שטרוי.

עס קען זיין אז זאגן משניות אן קיין געפיל איז אומב'טעמ'ט. אה, די גוטע צייטן אמאל, ווען איך פלעג זאגן משניות און ממש שפירן א טעם גן עדן! יא פארשטאנען, נישט פארשטאנען, איך האב געטעמט תורה און געלעבט אן אמת'ע לעבן. פלוצלינג ווערט אבער דער געפיל נעלם און דו פרעגסט זיך: וואס טו איך דא? מען הייבט אן ציילן די בלעטער אזוי ווי די קינדער ביי יוצרות, און די לאגיק זאגט שוין: "מאך צו, עס האט דאך נישט קיין פשט צו לערנען אן קיין געפיל; ווארט ביז דער געפיל וועט דיר צוריק קומען..."

א בראך פאר דעם וואס ווארט אויפן טעם! באלד וועסטו שוין נישט האבן אויף וואס צו ווארטן. דיין נשמה דארף דיין שחרית אן קיין טעם, פונקט ווי דיין גוף דארף גאלע און לעבער אן קיין טעם. די נשמה מוז האבן דיין תורה וואס ווערט געזאגט אויסגעלאשענעהייט אן צו פארשטיין פונקט ווי דיין גוף דארף די קאלטע וואסער מעלאווינע שבת נאכמיטאג, אפילו יעצט שפירט זי נישט קיין טעם.

און אזוי זענען אריבער עטליכע טעג, ווען פלוצלינג אינמיטן טרינקען א קאלט גלעזל אראנדזש דזשוס, האב איך אנגעהויבן שפירן עפעס אינטערעסאנט; מיין צונג האט דערשנאפט א טעם פון מאראנצן. יא, דער טעם איז צוריק!

וואס מיינסטו? דאווען אן קיין טעם, לערן אן קיין טעם, רעד ארויס אפאר דיבורים צום אייבערשטן אן גארנישט צו שפירן. דאגה נישט, דער טעם וועט שוין נאכקומען. באלד, אזוי קאלטערהייט איינגעוויקלט אינעם טלית אן קיין ברעקל געפיל, וועסטו פלוצלינג אנהייבן שפירן דעם זיסן טעם פון זיין נאנט צום אייבערשטן, דעם זיסן טעם פון לערנען, דאווענען און רעדן צום אייבערשטן – דו וועסט זיך באלעקן!

א מחי' אז מיר האבן די עצות פונעם הייליגן רבי'ן זיך צו דערהאלטן אין יעדן מצב און זיך נישט לאזן ווערן צוקלאפט פון גארנישט אויף דער וועלט – א מחי'!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

# אנטון די קינדער חסידיש



**בעזרת השם יתברך - יום ד׳ פרשת שלח, כ׳ סיון, שנת תשע״ז לפ״ק**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך האב הנאה אז ... וויל זיין וואויל און ער וויל זיין ערליך; דער אייבערשטער זאל אייך העלפן אז איר זאלט האבן נחת פון אים און פון אלע אייערע קינדער.

דאס וואס מען זעט אז א בחור׳ל האט זיך ליב צו פיצן, ער זוכט ווי אזוי ער קען אויסקוקן גוט, און ווי אזוי ער קען ציען וכו׳, און די עלטערן פארשטייען דאס נישט און זיי הייבן זיך אן צו קריגן און אים אראפ רייסן אז ער זאל זיך נישט פיצן וכו׳.

איך מוז אייך זאגן אז איך פארשטיי זייער גוט דעם בחור, ער טראכט צו זיך: ׳וואס פאר א גוט יאר האט מיר אויסגעפעלט צו ווערן ׳בר מצוה׳? ביז נעכטן האט מען מיר געפיצט, מען האט מיר געקויפט אפ-טו-דעיט העמדער, מיין מאמע האט מיר אנגעטון טייט דענים הויזן, וואס פאר א גוט יאר דארף איך מיין גאנצע ׳בר מצוה׳ - אז פון היינט דארף איך אנטון א פשוט׳ע הויז? **איך דארף גיין פון היינט אנגעטון יאנטשי** וכו״?!״

דער בחור פארשטייט נישט וואס מען וויל פון אים; נעכטן האסטו מיר געהאלפן אויסקוקן שטארי, וואס איז יעצט געשען?

איך האף אז איר פארשטייט וואס איך שרייב אייך; עלטערן וואס לייגן נישט אריין זייער קאפ, מח און לעבן אין די קליידער פון זייער קינד, אז דאס קינד זאל גיין אנגעטון וכו׳, דעמאלט ווען דער

## א בריוו פון דער ראש ישיבה

**עצתו אמונה שלח תשע"ז**

אינגל האט בר מצוה וויל ער גיין אנגעטון חסידי'ש.

וואויל איז פאר עלטערן וואס האבן שכל און זיי ווייסן וואס זיי ווילן; זיי וועלן זען נחת פון זייערע קינדער.

איך פרעג א אינגערמאן שבת דא אין שול, וואס ער קומט מיט זיין אינגל אויסגעפיצט וכו', מיט דענים הויזן, און א קליינע מאדערנע קאפל: "זאג מיר, **ווען דיין זון קומט אהיים אזוי אלץ בחור, וואלסטו געריסן קריעה**; און ווען דו אליינס פיצט אים, און דו און דיין ווייב שאו-אפן זיך מיט אים, דער קינד ווערט אריין געצויגן אין דעם וועג, און נאכדעם וויל ער אויסקוקן אנדערש".

דערפאר דארפט איר דאנקען דעם אייבערשטן אז אייער זון גייט בר מצוה האבן, און ער וויל גיין אנגעטון חסידי'ש און ערליך.

גוטע קינדער נעמט מען נישט אראפ פון בוים; גוטע קינדער באקומט מען דורך אסאך תפילה, און אסאך וויינען צום אייבערשטן.

מוהרא"ש האט דערציילט, אז אמאל איז א איד געקומען צום הייליגן חפץ חיים זי"ע, און ער האט געבעטן א ברכה אויף גוטע קינדער, האט דער הייליגער חפץ חיים זי"ע גענומען א תהלים וואס איז געווען אויפגעבלאזן פון נאסקייט, און דאס געוויזן פאר דעם איד, און אים געזאגט: "דאס איז דער תהלים פון מיין מאמע ע"ה, וואו זי פלעגט יעדן טאג וויינען אז זי זאל האבן גוטע קינדער, אזוי איז מען זוכה צו גוטע קינדער".

דערפאר זאלט איר אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז איר זאלסט זוכה זיין צו קינדער וואס וועלן באלייכטן דער וועלט; מיין נישט אז איר קענט נישט זוכה זיין צו האבן קינדער וואס וועלן זיין גרויסע צדיקים, עס זענען געווען גרויסע צדיקים וואס האבן ליכטיג געמאכט די גאנצע וועלט, און זיי האבן געהאט פשוט'ע עלטערן.

בעטס דעם אייבערשטן: "**רבונו של עולם, העלף מיר אז איך זאל זוכה זיין צו קינדער און אייניקלעך וואס וועלן לערנען די הייליגע תורה**, און וועלן נאר דיך דינען; **רבונו של עולם, הער אויס מיינע פשוט'ע תפילות וואס איך בעט דיר, און געב מיר קינדער וואס וועלן ליכטיג מאכן די וועלט, קינדער וואס וועלן זיין דבוק צו דיר. העלף מיר אייבערשטער אז איך זאל וויסן ווי אזוי צו מחנך זיין מיינע קינדער, מיינע קינדער זאלן וועלן זיין ערליך און חסידי'ש, און זיי זאלן נישט זוכן צו זיין קאלט וכו'**".

ווי מער מען בעט דעם אייבערשטן, און ווי מער א מאמע וויינט פאר אירע קינדער - באוואסערט זי איר גארטן. פונקט אזוי ווי ביימער און גראז וואקסן שיין, נאר דורכדעם וואס מען באוואסערט עס, אזוי אויך - און נאך מער וואקסט אויף א שיינע דור ערליכע אידן, אז מען זאגט יעדן טאג תהילים און מען בעט דעם אייבערשטן.

געדענקט וואס איך שרייב אייך, אויב מען וויל אז די קינדער זאלן האבן א געפיל צו גיין אנגעטון ווי א ערליכע איד דארף צו גיין, דארף מען אנהייבן ווען זיי זענען נאך קליין וכו'.

א גוטן טאג.



# פּערהלאז

**א י ן**

***קורצן פון פריער:** ר' יעקב יוסף הערמאן שטעלט אויף זיין הייליגע שטוב אין די טמנ'א גאסן פון אמעריקע.*

*ער מאכט חתונה די קינדער יונג און נאר צו ערליכע בחורים.*

*פייערט פאר קדושת שבת.*

***און יעצט ליינט ווייטער.***

אין יענע יארן איז ליידער פארגעקומען אן אפענער חילול שבת אויף ארטשערד סטריט, וואס איז געווען דער מארק-פלאץ פון די לאוער איסט סייד.

אידישע פעדלערס פלעגן שטיין אויף די לענג און ברייט פון די גאסן און פארקויפן זייערע סחורה, ליידער אינעם יום המנוחה.

רבי יעקב יוסף האט




נ י ש ט געקענט פארשווייגן דעם אפענעם חילול שבת, און ער האט פארברענגט שעות און טעג אויפצוקומען מיט אן עצה וויאזוי אפצושטעלן דעם חילול שבת.

ער האט ארייננגעשטעלט א רעקלאמע אין די צייטונג געוואנדן צו בעלי בתים וואס זענען אינטערעסירט אין דעם זכות פון פארשפרייטן אידישקייט אין ניו יארק.

ע ס זענען געווען געוויסע וואס האבן זיך ווארעם אנגערופן צו די אדווערטייזמענט, און אינאיינעם האבן זיי געגרינדעט די 'אגודת בעלי בתים'.

דעם קומענדיגן פרייטאג נאכמיטאג איז רבי יעקב יוסף, אינאיינעם מיט עטליכע בעלי בתים, ארויס אין גאס און דורכגעפירט א פראטעסט קעגן חילול שבת.

די גרופע האט זיך אפגעשטעלט ביי יעדע קיאסק (וועגעלע) און שיין מסביר געווען אז עס פאלט שוין אט אט צו די נאכט, און דער אייבערשטער האט פארבאטן פאר אידישע קינדער צו ארבעטן אום שבת.

די געשפרעכן האבן עטוואס אויפגעטון ביי אפאר פעדלערס, ביי וועמען דאס אידישע פינק האט זיך ערוועקט און זיי האבן פארמאכט זייערע געשעפטן.

אבער רוב פעדלערס האבן פשוט אפגעלאכט, פארשעמט און פארשיקט רבי יעקב יוסף מיט זיינע חברים.

רבי יעקב יוסף האט זיך אבער נישט דערשראקן, און מיט א פייער פון קדושה איז ער דעם קומענדיגן



פרייטאג
ווידער ארויס, און אזוי אויך די וואך דערויף.

וואך נאך וואך איז רבי יעקב יוסף ארויס און זיך געבעטן ביי די פעדלערס אז זיי זאלן שפארן זייערע געשעפטן.

מיט די צייט האט די 'אגודת בעלי בתים' אויפגעטריבן געלט און זיי זענען געקומען צו די פעדלערס מיט אן אנבאט: "מיר זענען גרייט אויסצוצאלן דאס געלט וואס דו וואלסט געמאכט אום שבת, אויב דו פארשפארסט דיין געשעפט."

דאס האט שוין גערעדט ווערטער.

ביז עטליכע חדשים האבן זיך אויך די לעצטע עקשנים געבראכן, און ארטשארד סטריט איז געווארן ריין פון פעדלערס אום שבת קודש. אנשטאט דעם האט מען געזען אידן שומרי שבת וואס גייען אין שול שבת קודש.

**אין קאמף פאר קדושת ישראל**

נישט אלעמאל איז די משפחת הערמאן אפגעקומען אזוי ביליג; צומאל האט עס געקאסט א טייערן פרייז. עס האט זיך געמאכט א פאל ווען די הערמאנס האבן זיך געגרייט צו גיין צו א חתונה פון א נאנטן משפחה מיטגליד. וואכן און חדשים האבן די קינדער שוין ארויסגעקוקט אויף די חתונה, און די מאמע האט געקויפט ספעציעלע נייע שיינע קליידער פאר די

מיידלער
לכבוד די שמחה. עס איז נישט געווען קיין יעדן-טאגיגע ערשיינונג.

אבער ווען רבי יעקב יוסף איז אריינגעקומען אין זאל און געזען אז עס זענען נישטא קיין מחיצות, איז ביי אים נישט געווען קיין ספק וואס דער נעקסטער שריט דארף זיין. ער האט אויסגערופן הויך: "די תורה ערלויבט נישט פאר מענער און פרויען צו פארברענגען בתערובות. איך בעט אייך, מען טאר נישט!" האט ער זיך ממש געבעטן.

אין זאל איז געווארן שטיל. פאר א מינוט האט זיך קיינער נישט גערירט, אבער דערנאך איז געווארן א גאנצער גערודער; יש לשבח ויש לגנאי... טייל האבן אים געלויבט און טייל האבן אים קריטיקירט.

די עלטערן פונעם חתן זענען געווען גאר אויפגעברויזט און האבן פארלאנגט פון רבי יעקב יוסף אז ער זאל שוין פארלאזן דעם זאל. "דו צושטערסט אונזער שמחה!" האבן זיי געשריגן.

רבי יעקב יוסף האט ארויסשפאצירט פון זאל און געפאדערט פון זיין משפחה אים נאכצוגיין.

איידל איז געווען זייער אנטוישט, און פארשטייט זיך די קינדער אויך. דאס האט געקאסט א פרייז: א ריס אין די נאנטע באציאונגען מיט די משפחה.

"יעקב
יוסף, פארוואס דארפסטו צושטערן יעדע משפחה פארברענגן?" האט איידל געזאגט מיט אנטוישונג צו איר מאן.

"איידל," האט רבי יעקב יוסף איר בארואיגט, "דו ווייסט זייער גוט אז מיר טארן על פי תורה נישט שטיין אין די זייט ווען מען פארשוועכט קדושת ישראל. ארויסגעווארפן צו ווערן פון א שמחה איז גאר א קליינע פרייז צו צאלן פארן זיך אננעמען פאר כבוד שמים."

זיינע ווערטער האבן געהאט די ריכטיגע השפעה, און די משפחה האט זיך בארואיגט, ווייסנדיג אז זיי האבן געטון וואס איז ריכטיג.

**אין קאמף פאר קדושת שבת**

צווישן זיינע געהויבענע תלמידים זענען געווען רבי ברוך קאפלאן, דער גרינדער פון די בית יעקב שולעס (די ערשטע פרומע שולע פאר מיידלעך אין אמעריקע).

הרב שכנא זאהן, דער געוועזענער ראש ישיבה פון תורה ודעת אין ברוקלין; רבי שמואל שעכטער זצ"ל; רבי נתן וואכטפויגל, משגיח פון די לעיקוואוד ישיבה; רבי מרדכי יפה, ראש ישיבת בית התורה אין מאנסי; און נאך פיל אנדערע.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

ברסלב'ע ברודער
יואל וועבערמאן - אברהם הערש וועבערמאן

# גליון ליין



א ערליכע נייע אויסגאבע דרייט זיך לעצטנס ארום אין שטעטל מיטן נאמען "גליון ליין". נאכן עס נעמען אין די הענט, האבן מיר געזען אז דאס איז נישט עפעס נאך א גליון ווי די אנדערע גליונות וואס קומען ארויס אינערהאלב קהילת היכל הקודש; עס איז עפעס אנדערש.

נאכן בלעטערן אינעם גליון איז די בילד קלאר געווארן: עס רעדט זיך פון א גליון וואס די חשובע קינדער פון קרית ברסלב, כיתה ח', געבן ארויס. דאס איז שוין א חידוש וואס מ'האט ביי אונז ביז יעצט נישט געזען.

אין אונזערע יארן פלעגט זיך מאכן אז געוויסע קינדער פלעגן ארויסגעבן צעטלעך באהאלטענערהייט, אבער דא קומט עס גאר ארויס מיט די רשות פונעם חדר.

נאכן זיך פארבינדן מיטן חשובן מלמד מו"ה יחזקאל סאמעט שליט"א, האט ער אונז דערציילט וועלכע קינדער עס שטייען דערהינטער. ער האט אונז געזאגט אז מיר קענען רעדן צום רעדאקטאר אליין און אים פרעגן אלעס וואס מיר ווילן וויסן.

אזוי האבן מיר טאקע געטון. מיר האבן גערופן דעם טאטן פונעם קינד, מו"ה מרדכי אהרן הײלפרין הי"ו, צו בעטן רשות אויב מיר קענען פרעגן אפאר שאלות פון זייער זון, הילד החשוב נתנאל הײלפרין נ"י. נאכן באקומען פולע רשות, האבן מיר אים אויסגעפרעגט איבערן געבורט פון "גליון ליין" און אלעס ארום דעם.

**ליינט און האט הנאה!**



כיתה ח' קרית ברסלב ליבערטי
מיטן געטרייען מלמד
מו"ה יחזקאל סאמעט שליט"א

# א גוטן נתנאל, וואס מ'אבסטו?

ברוך השם.

## איך האב געזען אז דו האסט די לעצטע פאר וואכן ארויסגעגעבן א נייע שיינע גליון; איך האב געהערט פון דיין מלמד אז דו גיבסט עס ארויס. איך האב געוואלט הערן אביסל מער דערוועגן: ווען איז דיר בייגעפאלן

# ארויסצוגעבן א גליון, און פארוואס?

ס'האט זיך אנגעהויבן מיט עטליכע וואכן צוריק, ווען מיין רבי האט אונז פארגעשלאגן א געדאנק אז אפשר זאל מען אנהייבן ארויסגעבן א וועכנטליכע גליון. מ'האט דעמאלסט געטראכט עס צו רופן "כיתה ח' באשרייבט". מענדי מעדלאוויטש נ"י האט עס אנגעפירט, און די ערשטע וואך איז עס געווען בלויז איין זייט.

עטליכע וואכן שפעטער, פרשת אחרי-קדושים, האט ער געמאכט נאך איינס. דעמאלטס בין איך ארייגעקומען אינעם בילד. איך האב אים געזאגט אז קומענדיגע וואך הייבן מיר אן צו מאכן א געהעריגע דיקע גליון, און מ'וועט עס אראפלייגן אין די בתי מדרשים איבערן שטעטל, כדי נאך מענטשן זאלן קענען הנאה האבן פון אונזער ארבעט.

עס האט זיך אויסגעשטעלט נאך אפאר וואכן אז איך האב אנגעהויבן צו טון רוב ארבעט פונעם גליון.



## זייער שיין צו הערן. וויאזוי שטעלסטו צו דעם אויסשטעל פונעם גליון, און וויאזוי שאפסטו ארטיקלען און באשרייבונגען יעדע וואך?

מיר האבן עטליכע סעמפלס פון די קלענערע בלעטער מיט די שורות. בנוגע די ארטיקלען, ס'איז דא אן ארטיקל פונעם מנהל מו"ה אברהם משה שטראסער שליט"א. דער מנהל טייפט עס אויף און גיבט עס מיר; איך לייג עס אריין אינעם דיזיין פונעם גליון, און דערנאך מאך איך קאפיס און איך לייג עס אריין אינעם אריגינעלן גליון, און פונעם אריגינעלן גליון מאכט מען די קאפיס פארן עולם.

די קאמיקס נעמען מיר פון "קינדער שפיל"; איך האב געפרעגט "קינדער שפיל" אויב מיר קענען נעמען צוויי קאמיקס פון זיי, און זיי האבן אונז געגעבן רשות דערפאר. דערנאך זענען דא עטליכע פארזעצונגען, איינס דערפון איז איבער די צווייטע וועלט מלחמה, און נאך א באשרייבונג.

## האסט נאך מענטשן וואס האבן דיר געזאגט אז זיי גייען שרייבן ארטיקלען פארן גליון?

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז ער וועט בעזרת השם אנהייבן שרייבן, און ברוך השם אז פרשת בהעלותך האט אונז דער ראש ישיבה געשריבן א הערליכע בריוו וואס איז טאקע אריין אינעם גליון. עס קען זיין מיר וועלן האבן נאך שרייבערס.

## דו פילסט אז מיט די צייט וועט עס

## אויסקוקן אזוי פראפעסיאנאל ווי די געהעריגע גליונות וואס קומען ארויס?

איך ווייס נישט וויאזוי עס וועט זיך צום סוף אויסשטעלן, מיר וועלן עס לאזן פארן אייבערשטן.

## פילסטו אז דאס איז בלויז א ביתה ח' גליון, אדער איז עס א גליון וואס דו האפסט מיטן אייבערשטנ'ס הילף אנצוהאלטן פאר ווי לאנג דו קענסט, אפילו שפעטער נאכן ארויסגיין פון ביתה ח'?

די פלאן איז לכתחילה געווען עס צו מאכן נאר פאר די קינדער, אבער למעשה איז עס שפעטער געווארן גרעסער און מען לייגט עס שוין אין די בתי מדרשים; איז מעגליך אז עס וועט ווייטער אנהאלטן מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

## אויב דו קענסט איבערגיין, וואס ליגט אלץ אינעם גליון?

די וואך זענען צוגעקומען נאך עטליכע זאכן. די לעצטע וואך זענען געווען מעשיות פון תפילה פון די חשובע קינדער פון כיתה ח', ווי אויך א קאמיקס וואס מען לערנט ארויס עפעס פון די



פרשה, א בריוו פונעם ראש ישיבה, צווי זייטן פונעם פארזעצונג איבער די צווייטע וועלט מלחמה, און נאך א פארזעצונג וואס הייסט "א געהיימעניס אין ניו יארק" וואס הילד יוסי אינדיג נ"ו שרייבט.

אזוי אויך איז דא אן ארטיקל פונעם מנהל מו"ה אברהם משה שטראסער שליט"א, און נאכדעם איז דא נאך עפעס וואס הייסט "דרייסט", וואו מען ליינט ווי אידן האבן זיך מוסר נפש געווען צו מאכן ברית מילה אין רוסלאנד אינטער קאמוניזם.

דערנאך איז דא נאך א קאמיקס פון "קינדער שפיל", און צווי זייטן פון א דבר תורה וואס הילד יוסי פעלדמאן נ"י שטעלט אהער און זיין טאטע טייפט עס איבער. שפעטער איז דא א קאמיקס וואס יוסי אינדיג מאלט, און ביים סוף איז דא אן אפטיילונג פון "שהכל ברא לכבודו" - אינטערעסאנטע זאכן איבער בהמות און חיות וואס יוסי אינדיג נ"י שטעלט אהער.

## ווען האבן די קינדער צייט צו מאכן אזא גליון? אין חדר דארף מען דאך לערנען און דאווענען, ווען קומט אויס די צייט צו ארבעטן דערויף?

מיר הייבן אן יעדן זונטאג ביי ריסעס, ביי לאנטש, און אויך אביסל אינדערהיים.

## איך האב אביסל אריינגעקוקט אינעם גליון, און איך האב געזען אז עס טוט זיך עפעס וועגן די ארגאניזאציעס "חברים", "חביבים", און נאך אן ארגאניזאציע וואס הייסט "חרוסת". וואס ליגט אינטער דעם? ווער האט געעפנט די ארגאניזאציע, און איז עס אן עכטע זאך?

"חרוסת" איז געעפנט געווארן דורך יוסי פעלדמאן נ"י אינאיינעם מיט ארי פרידמאן נ"י; חרוסת איז סתם אזוי געמאכט געווארן כדי ארויפצוברענגען א שמייכל אויף מענטשן, און זיי האבן אפילו געמאכט א סימבאל דערפאר.

## פארציילט אונז מער איבערן נאמען "גליון ליין", וואס ליגט אינטער דעם?

ווען מ'האט עס אנגעהויבן לייגן אין די שולן, האט מען עס געטוישט צו "גליון ליין". מיר האבן לכתחילה געטראכט עס זאל הייסן "קינדער ליין", אבער היות ס'איז שוין דא א "קינדליין" וואס איז זייער ענדליך, איז עס געבליבן ביי "גליון ליין".

## יעצט זומער קומט אי"ה א שיינע קעמפ סעזאן; אזוי ווי פאריאר איז געווען לעבעדיג, וועט מיטן

**יואל ראטה**
ר"מ תפארת התורה ברסלב
ברוקלין נ.י. יע"א

**Rabbi Yoel Roth**
123 South 8th St
Brooklyn NY 11211

בעזרת ה' יתברך

יום ד' פרשת בהעלותך (שלח בא"י), י"ח סיון, שנת תשפ"ו לפרט קטן

**לכבוד די חשוב'ע קינדער פון די עלטסטע כיתה אין תלמוד תורה היכל הקודש קרית ברסלב**

איך האב געזען ענקער שיינער גליון "גליון ליין", איך וויל ענק שרייבן אפאר ווערטער ענק זאלן דאס אריינלייגן אינעם גליון.

מיינע טייערע קינדער, איך וויל ענק מחזק זיין ענק זאלן נישט וויי טון קיינעם, ענק זאלן אכטונג געבן אויף א צווייטע קינד, קיינמאל זאלן ענק נישט שלאגן, שטופן, ציפן, שטויסן - א צווייטן. די הייליגע חכמים זאגן (סנהדרין נח:), אויב מען שלאגט א איד איז דאס אזוי ווי מען שלאגט כביכול דעם אייבערשטן.

קיינמאל זאלן ענק נישט אנטייל נעמען אין פארשעמען א צווייטע קינד, אפילו לשם שמים, אפילו

א

מען וועט ענק איינרעדן אז עס איז א מצוה זאלן ענק אנטלויפן פון די מצוות, ענק זאלן לאזן אנדערע דאס צו טון, ענק זאלן נאר זוכן ווי מען קען מאכן גוט פאר אנדערע.

מיינע טייערע קינדער, אויב ענק האבן אמאל געהאט א מחלוקת מיט א קינד, איינער האט דיך וויי געטון - זאלסטו נישט האלטן א פיינטשאפט אויף יענעם, ענק זאלן מוחל זיין; אזוי וועט דער אייבערשטער ענק מוחל זיין.

איך וויל בעטן פון אלע קינדער שרייבט מיר בריוו, איך וויל האבן א פריוואטע נאנטע שקר מיט ענק אלע, דורך בריוו קען מען האבן א גוטע קשר, און בלי נדר וועל איך ענק צוריק שרייבן.

דער אייבערשטער זאל העלפן ענק זאלן האבן הצלחה אין אלע ענינים.

יואל רוטה

ב



## אייבערשטנ'ס הילף אויך דאס יאר זיין פרייליך און געשמאק. גייט דער גליון ווייטער ארויסקומען אין די זומער ווען די קינדער זענען אסאך מער פארנומען?

מסתמא גייט עס אין די זומער נישט זיין אזוי גרויס ווי יעצט; אפשר גייען מיר נאר מאכן אזוי ווי צווי-דריי בלעטער. די זומער איז דאך מער געמאכט ארומצולויפן, טאנצן און שפרינגען.

## קענסטו זען אז א שטיק צייט ארום זאל עס ווערן א געהעריגע פראפעסיאנאל-געדרוקטע גליון,



## אזוי ווי עס זענען דא אסאך גליונות דא אין היכל הקודש? אדער איז דאס נאר א זאך פאר יעצט, פאר א יאר ובדומה?

איך פלאן דאס אנצוהאלטן פאר לענגער אי"ה.

## איך האף אז עס וועט ווערן גרעסער און שענער, אבער פאר יעצט, פארן אנהייב, איז דאס זייער אינטערעסאנט. עס איז א געוואלדיגע זאך אז אנשטאט זיך ארומצוקריגן



## אדער מאכן מחלוקת, ארבעט מען אינאיינעם, יעדער מיט זיינע געדאנקען; עס איז א זייער שיינע זאך. א גרויסן יישר כח פארן אונז איבערגעבן אלעס איבערן הערליבן "גליון לייך".

איך וויל נאר צולייגן א יישר כח פאר מו"ה אברהם הערש נ"י וואס געבט ארויס דעם "בלעטל" יעדע וואך; ווען איך קוק אין דעם בלעטל, ווייס איך וויאזוי אונזער אויסגאבע וואס מיר געבן ארויס דארף אויסצוזען.

## א גרויסן יישר כח און הצלחה רבה.

# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## פריש און געזונט

אין שטאט טעפליק האט געוואוינט א ברסלב'ער חסיד מיטן נאמען ר' חיים לייב זכרונו לברכה. ער איז געווען א גרויסער עובד השם און א גרויסער למדן, אבער דעם רבי'נס דרך הלימוד האט ער גענומען גאר ערנסט; אלעמאל איז ביי אים געווען אן אפענער שלחן ערוך און א גמרא וואס ער פלעגט איבערחזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל, און אזוי אויך פלעגט ער מאכן זייער אסאך התבודדות.

ער איז אבער געווען א שרעקליכער ארימאן און האט כמעט נישט געהאט קיין געלט.

מ'דארף דאך עפעס טון פאר פרנסה, פלעגט ער נעמען פיש, זיי זאלצן און מאכן דערפון הערינג. אינעם טאג פונעם מארק פלעגט ער גיין אהין צו א טיש און פארקויפן זיינע הערינג, און אזוי האט ער געהאט אביסל פרנסה.

איינמאל אין א ווינטער טאג, איז ער געגאנגען צום מארק פארקויפן זיינע פיש. ביינאכט ווען ער איז אהיימגעגאנגען איז געווען פראסטיג קאלט; ר' חיים לייב איז געווען א שוואכער מענטש, זיין גאנצער קערפער איז פארפרוירן געווארן פון די קעלט און ער האט גע'חלש'ט אויפן וועג אהיים.

עס זענען זיך שנעל צוזאמגעלאפן אסאך מענטשן און פרובירט אים אויפצוועקן, אבער עס איז געווען זייער שווער אים צו דערמינטערן. ער האט אויסגעזען זייער שרעקעדיג, ער האט נאר געהאט ממש אביסל חיות אין זיך, און ער איז געווען אין א גרויסער סכנה.

נאך אסאך תפילות האט מען אים מצליח געווען צו דערמינטערן און מען האט אים אהיימגעשלעפט, אבער אלע וואס האבן אים געזען זענען געווען גאר מסופק צי ער וועט דורכמאכן די נאכט.

אקעגן איבער ר' חיים לייב האט געוואוינט א איד, איינער פון אנשי שלומנו, ר' אהרן יוסל. ער איז געווען א גרויסער סוחר, און עס האט אים זייער באנג געטון די מצב פון ר' חיים לייב; ער האט צוגעזען דעם מצב און עס האט נישט אויסגעזען גוט, א גאנצע נאכט האט ער נישט אויפגעהערט טראכטן פון אים.

ביינאכט ביי חצות האט ער אפגעמאכט: 'איך הער נישט אויף צו טראכטן פון מיין חבר ר' חיים לייב, איך מוז גיין זען וואס טוט זיך ביי אים און צי ער לעבט נאך בכלל, ווייל מיט עטליכע שעה צוריק האט ער אויסגעזען שרעקעדיג.'

ר' אהרן יוסל איז ארויס פון זיין שטוב און אריבערגעגאנגען אקעגן איבער צו ר' חיים לייב'ס הויז. ער האט זיך געשטעלט ביים פענסטער צו זען צי ער באמערקט עפעס.

אזוי קוקנדיג אינעווייניג האט ער געטראכט צו ער חלומ'ט יעצט, איז ריכטיג וואס ער זעט דא פאר זיינע אויגן? ער זעט אז ר' חיים לייב האלט שוין נאכן זאגן תיקון חצות און ער לערנט שוין שלחן ערוך מיט א געוואלדיגע פרישקייט. ער האט זיך זייער געפריידט צו זען דעם בילד פאר זיך, און פון די אנדערע זייט האט ר' אהרן יוסל דא געזען די שטארקייט פון דעם רבי'נס עצות, וויאזוי דאס העלפט און האלט פריש דעם מענטש, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות. עס האלט דעם מענטש אין אלע מצבים.




*אשר בנחל חלק פ"ג מכתב ב' תתקכב*



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסשטייגער

## קס"ג

## פארזעצונג פון פריער:

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פָּארְט אוֹיף שַׁבָּת שִׁירָה קַיין טְשֶׁערִין, אָבֶּער צוּלִיבּ דִי שְׁוֶוערֶע וֶועטֶער קוּמֶען זֵיי אָן אוֹיף שַׁבָּת אִינֶעם דֶערְפְל הָאלָאוְוקִיוּקָא, מַמָּשׁ נָאנְט צוּם זְמַן הַדְלָקַת הַנֵרוֹת**

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז שְׁפֶּעטֶער אַהֵיימְגֶעקוּמֶען, הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה מִיט אַ גְרוֹיסֶע אֲרִיכוּת, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען דִי פֶערְד זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם דָארְף, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט זֵיי זָאלְן שׁוֹין לוֹיפְן שְׁנֶעלֶער אָנְצוּקוּמֶען פַאר שַׁבָּת, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאלְטְן בַּיים גֵיין, אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי מֶען אַנְטְלוֹיפְט אִין אַ חָלוֹם, עֶס דַאכְט זִיךְ פַאר'ן מֶענְטְשׁ אִין חָלוֹם אַז עֶר דַארְף אַנְטְלוֹיפְן, אָבֶּער עֶר קֶענֶען נִישְׁט לוֹיפְן בְּשׁוּם אוֹפָן, אַזוֹי הָאט עֶר דֶעמָאלְט גֶעשְׁפִּירְט.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט דֶעמָאלְט גְרוֹיס צַעַר, עֶר הָאט גֶעצִיטֶערְט אַז עֶר זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען חַס וְשָׁלוֹם צוּ חִילוּל שַׁבָּת. וֶוען עֶר גֶעזֶעסְן דֶעמָאלְט אוֹיפְ'ן וָואגְן הָאט עֶר גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט אַ מֶענְטְשׁ אַרַיין אִין גֵיהִנוֹם, וָואס דֶער פַּחַד אִיז דָאךְ דֶעמָאלְט גָאר גְרוֹיס, מַמָּשׁ אוּמְבַּאגְרֵייפְלִיךְ, אוּן מַמָּשׁ אַזַא פַּחַד הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאט דֶעמָאלְט, עֶר זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ חִילוּל שַׁבָּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

פוּן דִי וֶוערְטֶער וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דֶער פַּחַד וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט וֶוען מֶען פִירְט אִים אִין גֵיהִנוֹם, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְמָשָׁלְ'ן אוֹיף פַּאפִּיר, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע אוּמְגֶעהוֹיעֶרֶע פַּחַד וָואס פַאלְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וֶוען מֶען פִירְט אִים אִין גֵיהִנוֹם אַרַיין, אוּן דִי זֶעלְבֶּע סָארְט פַּחַד וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁפִּירְט דֶעמָאלְט, דֶער פַּחַד פוּן חַס וְשָׁלוֹם מְחַלֵל שַׁבָּת זַיין.

בֶּאֱמֶת אִיז דָא אַסַאךְ צוּ שְׁמוּעֶסְן וֶועגְן דֶעם, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי אִיז אוֹיפְגֶעהַאלְטְן גֶעוָוארְן דָארְט אוֹיפְ'ן וֶועג, סְפֶּעצִיעֶל אַז דֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְט גֶעפָארְן אוֹיף שַׁבָּת שִׁירָה, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן דִי צַייטְן וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, פִילֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אַסַאךְ שְׁטֶעט זֶענֶען זִיךְ דֶעמָאלְט צוּזַאמְגֶעקוּמֶען קַיין טְשֶׁערִין צוּ זַיין מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת שִׁירָה, דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעדַארְפְט זָאגְן זַיין הֵיילִיגֶע אוּן פָארְכְטִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אוֹיפְטוּן אוּן מְתַקֵן זַיין מִיט דֶעם וָואס עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְטוּן מִיט זַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן בִּפְרַט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיז דִי צַייט פוּן אַ "קִיבּוּץ", וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען בַּיים רֶבִּי'ן, וֶוען עֶר דַארְף זָאגְן תּוֹרָה פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הָאט עֶר דֶעמָאלְט אַ שְׁטַארְקֶע פַּחַד, דִי זֶעלְבֶּע פַּחַד וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר פַארְנַאכְטְס וֶוען מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם אִין שׁוּל פַאר "כָּל נִדְרֵי".

אוּן נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גְרֵייט אוֹיף דֶעם קִיבּוּץ פוּן שַׁבָּת שִׁירָה, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט פַאר אַסַאךְ יָארְן, הָאט עֶר אוּמְגֶערָאכְטְן גֶעדַארְפְט בְּלַייבְּן אִין אַ דָארְף אוֹיף שַׁבָּת מִיט עֶטְלִיכֶע פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט דָארְט וָואס צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעהַאט עֶפֶּעס אַ מְזוֹנוֹת חַלָה, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט אוֹיךְ קִידוּשׁ מַאכְן אוֹיף דִי חַלָה וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט דָארְט קַיין כּוֹס וַויין, אוּן אֲפִילוּ אַ מֶעסֶער אָדֶער אַנְדֶערֶע עֶסְצֵייג הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהַאט.

דֶער רֶבִּי הָאט אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע רֵייזֶע בַּאֲרִיכוּת מִיט אַלֶע דֶעטַאלְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דִי אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס עֶר אִיז דֶעמָאלְט אַרִיבֶּער, אוּן מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אִין דֶעם אַ טִיפֶע כַּוָונָה, אַלֶעס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חֶשְׁבּוֹן.

מָאנְטָאג, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן דָארְט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, אוּן פִילֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן מַאֲמָר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת נ"ח:) "דַּיּוֹ לְעֶבֶד לִהְיוֹת כְּרַבּוֹ" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצ"ב).

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# היכל הלכה

## הלכות קידוש סימן רע"א סעיף י'

**הקדמה קצרה:**

דער מחבר פסק'נט: ***מקדש על כוס מלא יין שלא יהיה פגום*** - מען מאכט קידוש אויף א כוס וואס די וויין[01] איז נישט פגום. די הייליגע חכמים האבן מתקן געווען אז ווען א איד נעמט א כוס של ברכה, ווי למשל; א כוס צום בענטשן, קידוש, הבדלה, אדער א כוס צו זאגן די ברכות ביי א ברית מילה[02], זאל מען נישט נעמען א כוס וואס מען האט שוין פון דעם געטרינקען. אויב האט מען שוין געטרינקען, הייסט עס פגום.

עס זענען דא צוויי טעמים אין די ראשונים וואס איז די פראבלעם פון פגום.

איין טעם איז ווייל אויב האט מען שוין געטרינקען, איז די איבערגעבליבענע אזוי ווי שיריים, עס איז נישט חשוב[03].

די צווייטע טעם איז ווייל אז מען האט געטרינקען, איז עס מואס, איז עס אזוי ווי א קרבן וואס האט א מום וואס די פסוק זאגט אויף דעם: **הקריבהו נא לפחתך** - דו וואלסט עס ווען געגעבן פאר א חשובע הארר?? זיכער נישט! איז דאך זיכער אז פאר'ן אייבערשטן זאלסטו עס נישט ברענגען[04], [05].

### הגהות

01) דא רעדט מען נישט אז די בעכער, די כוס אליין; איז פגום, צובראכן, וכדומה. דאס וועט אי"ה עקסטער ערקלערט ווערן.

02) כמבואר באבודרהם (סדר מוצ"ש) דמביא ראי' דאינו נקרא פגום, כשטעמו באצבעו, כדחזינן בברכת מילה שמושיט אצבעו בכוס ונותן בפי התינוק ומברך עליו ולא הוי פגום, ובעצם שואל עליו התורת חיים, סי' קפ"ב סק"ה על ראי' מברית מילה, וז"ל דיש לומר דכל דיני פגום היינו דווקא בברכת המזון, וקידוש, והבדלה, ולא בכוס של מילה - ע"כ ולכאו' כוונתו למה דאתא בתשב"ץ (ח"ג סי' ס"ה) דלא נזכר בשום מקום מהתלמוד כוס יין; לא בברכת אירוסין ונשואין, ולא במילה, ולא בפדיון הבן, כמו שנזכר בקידוש היום והבדלה, בפ' אלו דברים בברכו' (נ"ב:) ובס' ערבי פסחים (ק"ב ע"ב) ואגב: יש הפוסקים בברכת נישואין דאם אין לו כוס יברך בלא כוס, משום דאינו מצינו בגמ', וכן היא ד' הח"ה סק"א סי' ס"ד, ואיה"נ רבו הפוסקים דכן מעכב, הנחלת שבעה (שטרות סי' י"ב סק"ד) וכן פסק הערוך השולחן (סי' ס"ב סעי' ז' אבן העזר)

03) טעם זה איתא ברמב"ם (פכ"ט הט"ז) וז"ל כלי שהיה מלא יין.... אם שתה ממנו מעט, הרי זה פגומות ונפסל, ואין מקדישין על השאר מפני שהוא כשיורי כוסות ע"כ, וכן בראב"ד, הו"ד ברשב"א בחי' מסכת ברכות (נ"ב ע"א)

04) זה איתא במהר"ם חלאוה (פסחים ק"ה ע"ב, ד"ה וש"מ טעמו פגמו) וכן בספר המנהיג (הלכ' פסח ע' תק"ג) וכן איתא במחזור ויטרי (סי' נ"ז)

05) חידוש ראינו בערוך השולחן (סי' קפ"ב סעי') דמערב ב' טעמים אהדדי, וז"ל, טעמו פגמו דהוי כשיורי כוס, והוי כמום בבהמה, וע"ז נאמר, הקריבהו נא לפחתך ע"כ, אבל זהו חידוש דלא כפשוטו, דהוי ב' טעמים, וכן מובא בשו"ת יבשר טוב (סי' כ"ה) דהוי ב' טעמים, ונפק"מ בין הטעמים, לפי טעם של מאוס, הוי עצה לתקן אי נותן מעט יין לתוכו, כי הדבר המאוס היא, משום הרוק הנמצא ע"פ

ווענגן דעם איז די הלכה אזוי:

**א]** א כוס וואס מען האט געטרינקען דערפון הייסט פגום, און מען זאל עס נישט ניצן פאר קידוש.

**ב]** אויב האט מען געטרינקען פון די באטל (למשל א קליין קינד האט געטרינקען פון די באטל) איז די הלכה: אויב איז עס א קליינע באטל, הייסט עס פגום, און אויב עס איז א גרויסע באטל, קען מען מקיל זיין[06].

**ג]** אויב מען האט אראפגעגאסן פון א כוס, סיי אויב מען האט אריינגעגאסן אין א צווייטע כוס און סיי אויב מען האט אריינגעגאסן אין די האנט, הייסט עס נישט פגום07).

**ד]** דאס אז עס הייסט פגום ווען מען האט געטרינקען איז נישט נאר ווען מען האט ממש געטרינקען - צוגעלייגט די מויל, נאר אפילו מען האט אריינגעגאסן אין מויל פון דערוווייטנס, אן צורירן, הייסט עס אויך פגום[08], אבער עס זענען דא פוסקים וואס זענען מקיל אין אזא פאל[09].

**ה]** אויב האט מען געטרינקען מיט א שטרוי פון די כוס\באטל, ווערט עס נישט פגום10).

**ו]** אויב האט מען אריינגעלייגט א פינגער ווערט עס נישט פגום[11].

**ז]** אויב האט מען אריינגעלייגט עפעס אנדערש אין די כוס; למשל א קינד האט אריינגעשטעקט א שפילצייג-טו"י, ווילאנג מען עקלט זיך נישט דערפון הייסט עס נישט פגום[12].

**ח]** די הלכה אז מען נעמט נישט פאר קידוש קיין כוס פגום איז נישט מעכב. אויב איינער האט נישט אויף קידוש נאר וויין\גרעי"פ דזשאו"ס וואס איז פגום, זאל ער דאס נעמען פאר קידוש.

אבער פאר פרייטאג צונאכטס אויב האט מען נאר פגום'דיגע וויין\ גרעי"פ דזשאו"ס, זאל מען ענדערש קידוש מאכן אויף די חלות[13].

**ט]** ווודאי אויב האט איינער קידוש געמאכט און ער זעט נאך קידוש אז די כוס איז געווען פגום, דארף ער נישט איבערמאכן קידוש.

## שאלה:

אויב איינער גייט מיט אויגן גלעזער, ווען ער דארף ארויפלייגן די הענט אויף די אויגן ווען ער לייגט קריאת שמע, אזוי ווי עס שטייט אין שו"ע, דארף מען אויפהייבן די גלעזער אדער מען קען לייגן די הענט אויף די גלעזער??

## תשובה:

לייגן די הענט אויף די גלעזער איז אויך גוט[01].

01) די טעם פארוואס מען דעקט צו די אויגן (שו"ע סי' ס"א סעי' ה') איז כדי מען זאל נישט קוקן אויף אנדערע זאכן וואס קענען שטערן פון אינזין האבן די ערשטע פסוק, וואס דאס מוז מען אינזין האבן - ווייל אויב נישט, האט מען נישט יוצא געווען; אזוי ווי עס שטייט אין מחבר (סי' ס' סעי' ה'). און אזוי אויך איז דא טעמים עפ"י קבלה פארוואס מען דארף צודעקן די אויגן מיט די רעכטע האנט, (עי' שער הכוונות כ"א ע"ב) (עפ"י זוהר פר' משפטים צ"ה.) לויט אלע טעמים איז פונקט אזוי גוט אויב עס איז איבער די גלעזער אויך (שו"ת משנת יוסף חלק י"ד סי' מ').

## הגהות

הכוס, וע"י נתינת יין חדש, נתבטל זה, וכן היה מהני אי שופך מן הכוס לארץ, או לכוס אחר, כי בכל זה אין פון עוד רוק, עי' בשבילי הלכה, (דיני קידוש אות ב' דף תס"ח) עוד נפקותא לדינא.

06) ואיתא בשו"ע סי' קפ"ב סעי' ג': ואפילו שתה מהכד, או מחבית קטנה הוי פגום, אבל אם שתה מחבית של עץ גדולה אין להקפיד. ובמשנ"ב סקכ"א איתא: ויש מחמירין בזה ויש לחוש לזה, מג"א סק"ח, וכן בתניא מובא הב' דיעות.

07) שו"ע ס"י קפ"ב סעי' ג'.

08) שו"ע הרב סעי' ד': כף החיים סקי"ט.

09) אבל במשנ"ב סקח"י, משמע דדוקא שותה בפיו, אבל לא בריר, כי אפשר נקט בהווה.

10) שו"ת שבות יעקב (ח"ג סי' יד) הובא בשערי תשובה סק"א וכ ה"ח.

11) כ"כ הא"ר, בשם האבודרהם הנ"ל (באות 02) ובכף החיים סק"כ - אבל כ' דלכתחילה יש להזהר בזה.

12) ראיתי בשבילי הלכה דהוא כתב, דהפגום בנתינת אצבע לתוך הכוס תלי בב' דיעות בראשונים, טעם של הפסול, כי לפי טעם של שיריים, באצבע לא נעשה שיריים משא"כ לפי טעם של מאוס, באצבע הוי מאוס בעיני בנ"א, ולענ"ד יש להעיר ע"ז, כי אפשר בימי חז"ל לא היה זה מאוס, מילא אין להוסיף ממה שגזרו חז"ל, ואפי' אם תאמר דאין זה נכון ליקח זה לכוס של ברכה, נכון דאפשר, אבל לפסול מדינא כוס פגום לכא' אינו נכון, ולפי"ז פסקנו בענין הטבלצי"ג גם, עכ"פ כל זמן שאינו מאוס בעיניו א"א לפסול, מה שנראה לענ"ד כתבתי.

13) פרמ"ג, הובא במשנ"ב סי' רע"א סקמ"ג

# געדאנקען

## עלעגעיטער הויט פאקעט בוקס

משה'לע מיט חנה'לע לעבן זיך די ריכטיגע לעבן.

יעדן פערטן דינסטאג זעקסע אין די סטעיקהאוז.

יעדן ווינטער אין די ווארימע ערטער.

יעדן זומער אין דובײ.

זיי האבן די פיקטשער פערפעקט לייף.

משה'לע ווען-איך-וואלט-עס-ווען-געטון-עוויטש קויפט איר יעדן יאר א דיימאנט פון צוואנציג אלפים.

חנה'לע באקומט כסדר נייע קאבאלט דישעס און נייע לעדערנע קאוטשעס און עלעגעיטער הויט פאקעט בוקס.

נאר איין קליינע פראבלעם האבן זיי.

ווען זיי זיצן אין קאר צען מינוט אליין און די קינדער הייבט אן שפריצן פונקען פייער, עס הייבט אן גיין א רויך פון משה'לעס נאזלעכער אז מען קען זען באשיינפערלעך די טייטש פון די ווארט "גרימצארן".

ס'איז נישט ממש אז זיי קריגן זיך, עה! זיי קריגן זיך נישט בכלל! חלילה! חלילה וחס! חלילה צו טראכטן אפילו אזוינס אויף משפחת ווענאיכוואלטעסווענגעטונעוויטש.

נאר עפעס א קליינע זאך שטערט דארט אין משה'לעס קעפעלע, און די קליינע פיצינקעלע באקטעריע בלאקירט זייער ביידנס געדאנקענגאנג.

עס איז למשל אזוי ווי דער שפיץ-קאפ איינשטיין וואלט ארויסגעטשעקט פון די אטאם ווייל ער האט געכאפט א מאסקיטאו בייט. און דייטשלאנד וואלט חלילה געווינען די קריג חס ושלום אין רעזולטאט פון איינשטיינס זיך צאמלייגן פאר א נישטיגע מאסקיטאו בייט.

אט אזוי איז עס מיט משפחת ווענאיכוואלטעסווענגעטונעוויטש.

עפעס א קליינע קטנות'דיגע מעשה האט זיך אריינגעזעצט אין משה'לע ווענאיכוואלטעסווענגעטונעוויטש'ס קעפעלע און משה'לע טשאטשקעט זיך ארום מיט די איבעלדיגע געמויזאכץ ווי מיט א שטיק גאלד.

משה'לע באדערט נישט בעצם קיין שום זאך פון חנה'לע.

עס באדערט אים נאר איין זאך.

ווען איך וואלט עס ווען געטון וואלט מען געהאט אויף מיר מלא טענות!

און ווען חנה'לע טוט עס טאר איך נישט האבן קיין טענות?!

וואו איז יושר?!

פארוואס מיינט חנה'לע אז זי איז פערפעקט און נאר איך האב זאכן צו פאררעכטן?! חוצפה!

עס באדערט נישט בעצם פאר משה'לע ווענאיכוואלטעסווענגעטונעוויטש אז זי קאכט נישט קיין נאכטמאל.

עס באדערט נישט בעצם פאר משה'לע

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

ווענאיכוואלטעסוווענגעטונעוויטש אז חנה'לע הייבט זיך אויף פון שבת טיש אן אראפרוימען א ברעקל.

עס באדערט נישט בעצם פאר משה'לע ווענאיכוואלטעסוווענגעטונעוויטש אז חנה'לע האט נישט ליב צו גיין צו זייגע עלטערן.

פארוואס ווען איך וויל נישט גיין צו אירע עלטערן בין איך א שלעכטער און ווען זי וויל נישט גיין צו מיינע עלטערן טאר איך נישט האבן קיין טענות?!

פארוואס דארף איך לעבן אין א שטוב וואו ס'איז דא א דאבל סטענדערט?!

פארוואס אלעס וואס זי טוט איז גוט און אלעס וואס איך טו איז נישט גוט?!

פארוואס זי מעג טון וואס זי וויל און איך טאר נישט טון וואס איך וויל?!

פארוואס דארף איך זיין א שמאטע אין שטוב?!

פארוואס קוקט זי אלעמאל נאר אויף זיך און איך קען נישט קיינמאל קוקן וואס איז גוט פאר מיר.

פארוואס טוט זי א גאנצן טאג אומרעכטן וואס ווען איך וואלט עס ווען געטון וואלט איך געווען א שלעכטער און זי לאכט זיך אויס?!

איינער האט א ענטפער פאר משה'לע ווענאיכוואלטעסוווענגעטונעוויטש?

מוהרא"ש זכותו יגן עלינו פלעגט צו זאגן, אויב איז דא א וועג אריין אין די פראבלעם, איז דא א וועג ארויס פון די פראבלעם.

משה'לע דינט אן אפגאט וואס הייסט .PEOPLE-PLEASING



## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

מיר וועלן מאכן א פשוט'ע משל פון ראובן און שמעון.

ראובן טראכט פון באשעפער, דער באשעפער האט געהייסן אז מען זאל ווייזן פאר די ווייב 'איך ווייס אז דו טוסט אזוי סאך פאר מיר, איך ווייס אז דו וואשט לאנדרי וועלן ס'האט נישט קיין טעם און קיין ראם, דא האב איך דיר געברענגט א זעקל פאפקארן, איך האב געטראכט פון דיר, איך האב געטראכט אז דו טוסט אזוי סאך פאר מיר'.

שמעון טראכט פון זיין ווייב מער ווי ער טראכט פון באשעפער, אויב איך וועל איך קויפן א דיימאנט, וועל איך מער נישט זיין א שמאטע ביי מיין ווייב.

WRONG!

מען קען קויפן הונדערט דיימאנטן און זיין א שמאטע ביי די ווייב.

און מען קען קויפן א קליין זעקל פאפקארן און זיין א קעניג אין שטוב.

ווען דו נעמסט ארויס די גארביטש טראכט נישט 'יעצט האב איך גע'סקאר'ט פוינטס ביי מיין ווייב'.

סקאר (SCORE) נישט קיין פוינטס ביי דיין ווייב!

ווען דו עסט מצה אום פסח און דו צינדסט די מנורה חנוכה טוסטו עס צו סקאר'ן פוינטס ביי דיין ווייב? אדער דו טוסט וואס דער אייבערשטער הייסט?

הער אויף צו ארומגיין מיט א קאלקולעיטער און רעכענען וויפל פוינטס האב איך שוין ביי מיין ווייב! דאס איז א נארישע פאלשע אומווירקזאמע וועג.

און הער אויף צו פראוו'ן אז דיין ווייב איז "אויך נישט פערפעקט"!

וואו קומט אהער פערפעקט? פון וואו האסטו אפירגעקראצט די נארישע ארגיומענט?! קיינער איז נישט פערפעקט! נישט דו און נישט דיין ווייב!

גיי נישט ארום מיט קושיות אויף דיין ווייב און מיט תירוצים און פארענטפערונג אויף דיין מאדנער התנהגות.

רעכן נישט מיט א פארגרעסערונג גלאז וועד האט ערשט געטון די ערשטע אומרעכט יארן צוריק גלייך נאך שבע ברכות, גיי נישט אויף די קליינקעפלדיגע קינדערגארטן וועג.

הייב אן טרעפן א זכות אויף דיר און א זכות אויף דיין ווייב און א זכות אויף די וואס האבן אריינגעלייגט אין דיר א נארישע נעגאטיווע דיפענסיווע וועג פון זיך פארענטפערן א גאנצן טאג אז עכט בין איך נישט אזוי שלעכט ווייל והא ראי' מיין ווייב איז אויך נישט אינגאנצן אזוי וואויל ווי מען קען מיינען.

ווען משיח וועט קומען וועט ער אנטון א קלייד געמאכט פון די גוטס וואס איז דא אין יעדן איד.

סיי דו און סיי דיין ווייב וועלן זיין א חלק פון משיח'ס קלייד.

אז מען פאלגט דעם רבי'ן קען מען שוין לעבן יעצט אזוי ווי משיח איז שוין דא.

אז מען רעדט צום אייבערשטן קען מען זען די נקודות טובות פון יעדן איד וואס דאס וועט זיין משיח'ס קלייד.



# קלאסיפייד

## הערליכע דירה

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען אויף שבתים, און אויפן זומער.
אנטהאלט דריי גרויסע שלאף שטובער, א גרויסע דיינינג רום,
קאך מיט אלע צוגעהערן, ליגען צוגעשטעלט. walk in

**רופט 347-731-3144**

## פריוואטע דירה

א הערליכע פריוואטע דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער תשפ"ו הבעל"ט.
אנטהאלט 4 שיינע בעדרומס, 2 טוילעטס, מיט א שיינע לאט

**רופט 917-501-5100**

## דירה צו פארדינגען

א הערליכע 2 בעדרום דירה גלייך נעבן די ירושלים גאס, שטייט צו פארדינגען פאר שבתים, ימים טובים, און אזוי אויך פאר גאנץ זומער.

**רופט הערשל בוים**

**347-786-1767**




## דירה פארן זומער

א שיינע גרויסע רחבות'דיגע דירה אין טווין ברידזש געגענט צו פארדינגען פארן זוממער.

**רופט לייבי ראטה**

**347-578-4449**

## דירה צו פארדינגען

א הערליכע דירה שטייט צו פארדינגען פארן זוממער.
אנטהאלט 2 שיינע בעדרומס, א קאך און געשמאקע דיינינג רום.

**רופט ליפא שווארץ**

**917-541-1197**

## דירה צו פארדינגען

א הערליכע שיינע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פארן זוממער.
שיינע בעדרומס, א גרויסע קאך און דיינוג רום, גרויסע פעלד פאר די קינדער צו שפילן.

**רופט שלמה יאקאבאוויטש**

**845-637-5367**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה ישראל חיים ברוין הי"ו**

וזוגתו שרה אסתר תחי'

**צו די שידוך שליסן פון זייער זון למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

**אן עד אין בלעטל**
**ברענגט רעזולטאטן**

845-379-1161
ads@bletelmagazine.com

פרשת שלח
כ"ח סיון

מנחה
מעריב

פרשת קרח
09:31

הדלקת הנרות.. 08:15
מוצאי שבת...... 09:46

זמנים לשבת קודש

loop PLUMBING
Keep life flowing
917.202.1206

Fully furnished House for the summer or all year round

4 huge bedrooms
+1 small bedroom ground level
3 toilets. 2 bathtubs.
Plus extra shower ground level.
Huge Kitchen.
Huge dining room.
Huge living room.
Huge playroom.
Huge basement.
Laundry room included washing machine and dryer
2 separate entrances to the house.
Big garage.

4 minutes from lemonade supermarket
3 minutes from Chider/ School

Call Avrumi Dantizger
514-531-3678







# א בליק צוריק

טרעף צו וואס, ווען, וואו, און ווער איז דער בילד:



## בילד פון פאריגע וואך:

זונטאג ראה תש"פ אין שטעטל, ביים שחט'ן עופות מיטן שוחט הרב הערשל ווייס שליט"א



# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**אנשי שלומינו העלפן בויען א נייע כיתה אין תלמוד תורה בית שמש - ב׳ בהעלותך**

קרעדיט: שלמה מינצבערג





**ביים רייניגן די בית הדפוס אין בני ברק - ג׳ בהעלותך**

קרעדיט: יענקי פיש





**די קינדער פון תלמוד תורה בית שמש שוין אריין אין די נייע צוגעבויטע כיתה - ה' נשא-ב'**

קרעדיט: שלמה מינצבערג





**די חשובע מענעדזשער מו"ה וואלווי זעלקאוויטש הי"ו ביים רייניגן די שאטל אין שטעטל - ה' בהעלותך**

קרעדיט: משה מאסרי



**די נורסערי קינדער ביים קריאת שמע ליינען ביי מו"ה יצחק אפפעלבוים הי"ו אין שטעטל - ג' בהעלותך**

קרעדיט: יעקב יאקאבאוויטש



**ביים מאכן די עירוב פאר די נייע געגענט אין שטעטל - א' שלח**

קרעדיט: ישראל דוד העסקעל






**תנאים פון החתן פישל נ"י בן מו"ה ישראל חיים ברוין הי"ו עב"ג בת מו"ה וואלווי שטערן הי"ו - ג' בהעלותך**

קרעדיט: יוסי זינגער




**א בליק אריין אין די כולל בוקר אין שטעטל - עש"ק בהעלותך**

קרעדיט: אייזיק ראטה






**לחיים פון החתן ישראל מרדכי פיש נ"י עב"ג בת מו"ה שמעון לעווי הי"ו - ה' בהעלותך**

קרעדיט: שמעון פיש, יוסי פרערויא




**שחרית אין ישיבה - א' שלח**

קרעדיט: יוסי פרערויא




**אין א שמועס מיט די בחורים נאכן שיעור התחזקות אין ישיבה - א' שלה**

קרעדיט: יוסי פרערויא






**געשמאקע באחדות'דיגע קארניוועל דורך די קינדער פון תלמוד תורה אין שטעטל - א' שלה**

קרעדיט: אייזיק ראטה

בס"ד

צוליב די גרויסע נאכפראגע טוען מיר פארשטעלן אונזער נייע

# שבת גליונות מעגא פעקעדזש

או ריכטיגע
עונג שבת
פאר די גאנצע משפחה




גאראנטירט בעז"ה
אנצוקומען אויף שבת קודש
געשיקט דורך UPS

קינדער און ערוואקסענע, מענער און פרויען צוגלייך
מיט לייען מאטריאל אנגעפולט מיט אמונה, מידות טובות, עצות און חיזוק

דער פעקעדזש רעכענט אריין:

• עצתו אמונה • קרית ברסלב בלעטל • גליון היכל הקודש • גליון שיעורי חינוך

מען קען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען נאר די בית נצחי אדער עצתו אמונה

רופט שוין זיך איינצושרייבן:

**718-387-2691 *3**

אימעיל צו:

**subscribe@kerenhadfusa.org**

ברסלב

קרן הדפסה

היכל הקודש ברסלב

להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

פון טיפן הארצן טוען מיר
וואונטשן א הערצליכן ברכת

# מזל טוב

פאר אונזער טייערע חבר

## מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א
## וזוגתו תחי'

וואס שטייט אלץ צו די רעכטע האנט פון 'קרן הדפסה'

## לרגל שמחת האפשערן
## של בנו שלמה גבריאל נ"י

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט, און דו זאלסט האבן כח צו קענען ווייטער משמש זיין דעם רבי'ן און פארשפרייטן דעם רבי'נס עצות פאר די גאנצע וועלט.

וואונטשט,

# הנהלת קרן הדפסה

*sruliHeskel

בס"ד
פרשת שלח
אויסגאבע # 22

# אינדערהיים

**אנטער תפיסה גראטעס**
ש. טראכטער

**אונזער צינג ווי א שלאנג**
ל. סאקס

**די אומגעראכטענע גלעט**
ג. פעקעטע

## באטות ביים שניידן



## בי נעגל

רעספי **Strawberry Rhubarb Compote**

# אינדערהיים



8



14

**בס"ד**
שלח
תשפ"ו
**נומער 22**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
ל. לב
מ. סופר
מ. פעדער

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**
אידישע שטוב:
**212.444.9169**

# אונזער צונג – ווי א שלאנג

די גרויסע טאג איז ענדליך אנגעקומען,
אויף וועלכע מיר ווארטן אזא לאנגע צייט,
גאנץ כלל ישראל, אנטקעגן זיי קומען,
משיח צדקינו אויף זיין ווייסע אייזל רייט.

מיט שמחה א שיר חדש מ'זינגט,
מ'קוקט צו די הערליך שיינע מחזה,
די שור הבור מיטן לויתן זיך געקריגט,
ביי די סעודה זיצן די צדיקים בצוותא.

אין עמק יהושפט נעמט מען זיך צוזאם,
אונזער פיינט דער יצר הרע דער אייבערשטער שחט,
דער הייליגער בית המקדש קומט אראפ אין א פלאם,
מ'זעט, יעדע פאסירונג אין גלות איז געווען גערעכט.

און פלוצלונג א געשפרעך טוט זיך הערן,
ווער צושטערט די לויטערקייט אין די לופט?
די שעפעלער, וועלף, לייבן און בערן,
צום שלאנג זיי טענה'ען – וואס האסטו פון דיין גיפט?

צו פארגיפטן מענטשן, וואס איז דיר ווערד,
אז דו ווערסט פון דעם נישט זאט?
אין יעדע זאך שפירסטו סיי ווי א טעם פון ערד,
נו, וואס איז פשט, פון דעם רשעות'דיגן טאט?

"וואס ווילט איר?" הערט מען דעם שלאנג זאגן,
"איר טוט מיר ממש באליידיגן,
גייט'ס צו די בעלי לשון הרע זיך באקלאגן,
לאמיר הערן, מיט וואס זיי טוען זיך פארטיידיגן!

וואס פארדינען זיי פון זייערע רייד?
צו טוישט עס דעם יענעמ'ס נאטור,
א פרישע מחלוקת אנגעדרייט,
בלויז פון אומפאראויסגערעכנטע ווערטער אפאר.

די אלע שמועסערייען פארשאפט נישט קיין גליקן,
פארקערט, עס ברענגט נאר אן צרות,
ווען זיי וואלטן זיך איינגעהאלטן פון פליקן,
וואלטן זיי שוין לאנג אויסגעלייזט געווארן פון גלות!"

לאמיר זיך אלע באצייטנ'ס דערוועקן,
יעדע ווארט אפמעסטן און אפוועגן,
משיח זאל די פינגער קענען אויסשטרעקן,
אין איר זכות קענט איר מיר גיין אנטקעגן.

זי איז די העלדין, מיט איר שטארקע מאכט,
זי איז געשטאנען פעלזן פעסט,
אפילו אין אזא שווערע לאנגע גלות – נאכט,
איז זי בייגעשטאנען דעם פארמעסט!

ל. סאקס

ש. טראכטער



# אינטער תפיסה גראטעס

אן אנגעצויגענע שטימונג האט זיך געשפירט אין שטוב; דער טרויער איז געווען טאפנד. אסתר איז געזעצן ביים טיש און געקוקט אויפ'ן טישטיך, אירע פינגער זענען איידל נאכגעפארן דעם דיזיין פונעם טישטיך. עס איז איר שווער געווען צו רעדן, און עס איז נישט געווען וואס צו זאגן. וואס זאל זי שוין זאגן? ״איך האב געוואוסט? איך האב געזארגט?״ עס איז געווען א שאד צו גיסן זאלץ אויף די אפענע וואונדן.

די לעצטע פאר חדשים איז די מצב אין שטוב געווען זייער שווער. א דיקע וואלקן פון פחד, זארג און טרויער האט געהערשט אין שטוב, און קיין זאך האט עס נישט געקענט אוועקשטופן.

אפרים איז געווען א וואוילער אינגערמאן. ער האט געפירט זיין לעבן שיין און רואיג, און קיינמאל נישט געזוכט קיין צרות. אמאל, נאך די חתונה, איז ער געזעצן אין כולל און אסתר האט מיט געטריישאפט געזארגט פאר די פרנסה פון שטוב. מיט די צייט אבער זענען די קינדער געקומען איינס נאכ'ן צווייטן, און אסתר איז געווארן א פארנומענע מאמע אינדערהיים.

אפרים איז דאן ארויס אין די ביזנעס וועלט. ער האט געארבעט געטריי און זיך צוביסלעך אנגעהויבן ארייצודרייען, און ב״ה געהאט הצלחה. עטליכע 'חברים' זענען אים געקומען

צורעדן וועגן אינוועסטמענטס מיט זיכערע פארדינסטן, און אפרים איז אריינגעשפרינגען.

די אינוועסטמענטס האבן אים געברענגט הצלחה, וואס האט געפירט צו נאך אינוועסטמענטס און נאך הצלחה, און אזוי ווייטער. אבער "מרבה נכסים מרבה דאגה". זייער שנעל האט זיך אפרים געטראפן פלוצלינג אריינגעדרייט אין צופיל געשעפטן צוליב זיין געיעג, וואס א טייל פון זיי זענען געווען זייער צווייפלהאפטיג. די 'חברים' האבן אים צוגערעדט צו "אסאך געלט" און "גרינג געלט"; מען האט בלויז געדארפט פון אים אן אונטערשריפט און 'אביסל מזומן'. אפרים האט, ווי עס ווייזט אויס, נישט געהאט קיין מורה דרך אין לעבן וועמען אנצופרעגן אויף יעדע קלייניקייט... און אזוי האט ער זיך געטראפן אריינגעשלעפט אין א וועלט פון שטילע און פינסטערע אומלעגאלע אקטיוויטעטן. דאס געלט איז טאקע געפלאסן, וואס האט נאר מער און מער געפיטערט זיין תאוות ממון.

אסתר האט דא און דארט געצווייפלט און געפרעגט איר מאן אויב זיינע געשעפטן זענען מסודר, וויבאלד איר בינה יתירה האט איר עפעס געזאגט אז זאכן טויגן נישט. אבער אפרים האט איר פארזיכערט אז אלעס איז אונטער קאנטראל און ער ווייסט פונקטליך וואס ער טוט. ער האט איר געזאגט זי זאל נישט דאגה'ן, נאר זיך פרייען אז זיי האבן ב"ה פרנסה בשפע און נישט פרעגן קיין איבריגע שאלות.

די "ברייטקייט" האט אבער נישט לאנג אנגעהאלטן. צו שנעל איז מקוים געווארן דער "סוף גנב לתלי'".

איין טאג איז אנגעקומען אין די פאסט א שטרענגער בריוו פון די רעגירונג. צום ערשט האט אפרים פרובירט עס אויסצובאהאלטן פון זיין אשת חיל, אבער ער האט נישט געקענט אנהאלטן דעם שפיל פאר צו לאנג.

מיט א צובראכן הארץ האט ער איר געמוזט דערציילן דעם אמת, אז ער איז פארפלאנטערט אין אומלעגאלע געשעפטן און די לאנגע הענט פון די רעגירונג האבן אים שוין דערגרייכט. אפרים איז געווען זייער דערשראקן און צעבראכן. זיינע 'חברים' האבן אים צוגעזאגט און הייס פארשפראכן אז זיי ארבעטן אזוי געניט און פארזיכטיג, אז עס איז הונדערט פראצענט זיכער אז מען וועט זיי נישט כאפן. נו, נו... ער קען זיי נעמען צום בית דין פאר זייערע הבטחות.

אצינד שטייט ער דא מיט די צעטלען אז עס ווארט אים א שווערער משפט. ער ווערט אנגעקלאגט פאר אומלעגאלע אקטיוויטעטן אין ווערד פון שווערע מיליאנען, וואס אויסער די געלט שטראף ווארטן אים שווערע יארן אונטער שלאס און ריגל.

אפרים קען נישט קוקן זיין פרוי אין די אויגן; דאס גאנצע לעבן איז אים טונקל. ער האט א משפחה מיט פינף קינדער וועמענס עתיד זעט אויס אזוי טונקל און פארוואלקנט. יעצט קלאפט ער זיך על חטא, אבער אפשר איז שוין אביסל צו שפעט?

ער דינגט א גרויסן אדוואקאט, אבער יענער זאגט אים דעם אמת: "עס זענען דא ווייניג שאנסן ארויסצוגיין ריין. איך וועל זיך פרייען אויב דו קומסט אפ מיט בלויז צען יאר תפיסה."

"צען יאר? צען בליענדיגע יארן? צען יאר זיין אפגעריסן פון משפחה? פארוואס? צוליב אפאר דאלאר? אוי טאטע זיסער וואס טוט מען דא אין דעם שווערן מצב, העלף מיר ארויס פון מיין צרה ווי אמשנעלסטן," קרעכצט ער אויס.

וועגן אפרים זאל נאר האבן א געלעגנהייט נאך איינמאל אנצוהויבן פון פריש, וואלט ער דאס געכאפט מיט ביידע הענט.

די קומענדיגע תקופה איז געווען א דערדריקנדע; אפרים איז געווען פארנומען מיט טעלעפאן קאלס און עסקנים, מען זוכט ווער עס קען אפשר האבן א שטיל ווארט ביים שופט - אזוי אומלעגאל, אונטערן טיש. מען פרובירט די ארגאניזאציע און יענעם עסקן, גוטע אידן פרובירן צו העלפן פון אלע זייטן.

דערווייל לויפן די וואכן און טעג, און אט שטייט מען שוין פארן ערשטן געריכט. וואס א טאג נענטער, אלס לענגער ווערן די נעכט, פשוט ווייל מען קען נישט שלאפן. אסתר'ס אויגן זענען עדות אויפן ציפעדיגן צער; אפרים'ס געבויגענער רוקן און ווייסע האר זענען עדות צו זיין פארלוירנקייט און סטרעס.

דער זייגער רעכנט זיך אבער נישט מיט די פאר'צער'טע משפחה און מיט די געפילן פון חרטה. ער לויפט זיין גאנג,

צען יאר? צען בליענדיגע יארן? צען יאר זיין אפגעריסן פון משפחה? פארוואס? צוליב אפאר דאלאר? אוי טאטע זיסער וואס טוט מען דא אין דעם שווערן מצב, העלף מיר ארויס פון מיין צרה ווי אמשנעלסטן.

<

נאכט און טאג, און טאג און נאכט...

און אט איז דער טאג; דער טאג וואס ליגט אויפן וואגשאל. אפרים גייט מיט צאפלדיגע טריט, אן קיין ברירה, באגלייט מיט די טרערן און תפילות פון זיין אשת חיל.

אט שטייט ער פארן בנין. זיין הארץ קלאפט אזוי שנעל און אזוי הויך, אז ער איז זיכער מען וועט אים הייסן שטיל בלייבן, ווייל געוויס הערן עס אלע.

ער קוקט זיך ארום: א גרויסער ווייסער בנין. פון אינדרויסן קוקט עס אויס מאעסטעטיש, אבער פאר אים קוקט עס אויס ווי די פליגלען פונעם מלאך המות אליין.

**אפרים פארגעסט אלע כללים, אלע געזעצן, און אלע פארשריפטן פון דעם געריכט זאל, און ער פאלט אראפ מאכטלאז צו די פיס פונעם שופט און ברעכט אויס אין א יאמערליך געוויין.**

שטייטלער נעמט ער א טריט אריין. יעצט איז ער נאך פריי, אבער וואס וועט זיין באלד? ער גייט אריין ווי א בן חורין, אבער אפשר קומט ער ארויס אנגעקלאגט און פארשפארט, דערוויטערט פון זיין פארוויטאגטער משפחה, וועלכע וועזט נאך מיט די פינגער מיט שולד אויף אים, און מיט רעכט...?

און אט שטייט ערביים טיר. ער וויל שוין אריין, אבער ער זעט א רעספעקטפולן פארשוין פאר זיך. ער דערקענט פון די שטילע געשפרעכן ארום, אז דער אייבערשטער האט עס אזוי צוגעפירט אז ער שטייט אצינד פארן ריכטער אליין.

אפרים פארגעסט אלע כללים, אלע געזעצן, און אלע פארשריפטן פון דעם געריכט זאל, און ער פאלט אראפ מאכטלאז צו די פיס פונעם שופט און ברעכט אויס אין א יאמערליך געוויין.

"הער שופט... הער שופט... איך בעט דיר, איך האב חרטה. איך וועל עס מער נישט טון. איך וויל זיין גוט, איך גיי זיין גוט. מען האט מיר אריינגענארט; שלעכטע לייט האבן מיר צוגערעדט צו טון דאס וואס איך האב געטון. הער שופט, איך בין א טאטע פון יונגע אומשולדיגע קינדער. איך בעט דיר, גיב מיר נאך איין געלעגנהייט און איך זאג דיר צו, איך וועל זיין אן אנשטענדיגער בירגער. קענט איר מיר נאר דאס איינע מאל לאזן פריי?!"

...

צי איז אפרים ארויס פריי? איך ווייס נישט. כדי צו מאכן דעם משל זיס, לאמיר זאגן אז יא.

אבער די מעשה איז נאר א משל צו דעם וואס פאסירט אין אונזער טאג-טעגליכן לעבן.

אביסל צו אפט זענען מיר פארמישט אין אומלעגאלע אקטיוויטעטן און צווייפלהאפטיגע געשעפטן.

דער באשעפער האט אונז געגעבן א הייליגע תורה מיט אזעלכע זיסע מצוות עשה און אזעלכע הייליגע מצוות לא תעשה... אבער דער חבר, דער שלעכטער יצר הרע, טשעפעט זיך צו צו אונז טאג-טעגליך אוןווארפט אונז אראפ אין עבירות. מיט זיין געשליפן צינגל מאכט ער אונז אזוי צעמישט, אז ער מאכט נאך צומאל די עבירה אויסזען ממש ווי א מצוה.

למשל: "כעס" קומט ער אונטערן שלייער פון מצוות חינוך, אדער ביי "לשון הרע" טענה'ט ער אז מען דארף וויסן פון וועמען זיך צו היטן...

יעדן טאג האט ער נייע וועגן און נייע תחבולות. אמאל איז עס מיט רכילות, נישט רעדן שיין צום מאן, א מכשול אין צניעות, א פגם אין כיבוד אב ואם, ווי טון א צווייטן, קוקן וואס מען טאר נישט חלילה, ועוד ועוד.

מיר ווייסן דאך אז פונעם אייבערשטן קומט נאר גוטס, ווי חז"ל זאגן אונז "מפי עליון לא תצא הרעות". אלע פראבלעמען, שוועריגקייטן און צרות וואס מיר גייען אריבער זענען דאך נאר צוליב אונזערע עבירות; מיר אליין האבן געברענגט דעם דין אויף זיך מיט אונזערע מעשים.

איז וואס איז דא צו טון? דער ראש ישיבה שליט"א זאגט שטענדיג דאס וואס דער הייליגער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן, אז ווען א מענטש זינדיגט, גייען די עבירות אריין און ווערן אויסגעקריצט אין זיינע ביינער.

און דאס ברענגט ליידער אלע צרות און יסורים. די עבירות גייען פאר'ן מענטש און ברענגען אונטער שטרויכלונגען פאר'ן מענטש. איז וואס איז די עצה? ווען א איד איז זיך מתוודה און ער זאגט ארויס פאר'ן אייבערשטן

זיינע עבירות (דאס איז יעדן טאג, נישט נאר חודש אלול אדער ערב יום כיפור...), גייען די עבירות ארויס פון זיינע ביינער.

אמאל האב איך געמיינט אז חשבון הנפש איז א זאך נאר פאר צדיקים, פאר חסידים ואנשי מעשה. אבער ביי אונז ברסלב'ע חסידים, וואס דער רבי לערנט אונז אלעס לעובדא ולמעשה, זענען זיך אסאך נוהג צו זאגן יעדע נאכט קריאת שמע נוסח האריז"ל, וואו מען איז זוכה צו זאגן יעדן טאג "אשמנו, בגדנו," און אויב מען לייגט צו אביסל התבודדות און מען שמועסט זיך אויס מיט'ן אייבערשטן, מען דערציילט אים וואו מען איז אדורכגעפאלן און מען בעט אים איבער, גייען די עבירות ארויס און מיר זענען זוכה צו תשובה (וואס איז דאך א מצוות עשה דאורייתא!).

דער ראש ישיבה שליט"א האט עס אמאל שיין מסביר געווען: ווען א קינד האט געטון אן עוולה, לאמיר זאגן ער האט געטשעפעט א צווייטן, אויב האט ער שכל קומט ער פריער און זאגט זיך אליין אויס. ער קומט צו דער מאמע און זאגט: "מאמי, איך האב געמאכט א מיסטעיק (טעות), איך האב פארגעסן אז מען טאר נישט טשעפען און איך האב געשטופט חיימ'ל. איך גיי שוין זיין וואויל."

וועט די מאמע שטראפן דאס קינד? וויאזוי קען מען אים שטראפן? ער זאגט דאך שוין אליין אז ער האט געמאכט א טעות.

אזוי אויך קומט אונזער נשמה ארויף יעדע נאכט אין הימל, און אונזער פינגער שרייבט דאך אפ אונזערע מעשים. אבער אז א מענטש האט שכל און ער איז זיך מתוודה פאר'ן אייבערשטן איידער ער גייט שלאפן, האבן מיר "אויסגעכאפט" דעם קטיגור וואס קומט באלד טענה'ן צום באשעפער אויף אונז. דער אייבערשטער זאגט אים: "איך וויס, ער האט מיר שוין דערציילט! ער האט זיך שוין מתוודה געווען."

אין דעם עולם, ווי מיר ווייסן מוטשעט זיך יעדער איינער. אויף דער וועלט איז נישטא וועמען צו מקנא זיין, יעדער גייט אריבער זיין פעקעלע גלות. אבער ווי זיס ווערט אונזער איבערגאנג מיט'ן רבינ'ס התחזקות, ווייל דאן ווייסן מיר אז דער אייבערשטער ווארט נאר צו זען "וואו מיר וועלן לויפן, און צו וועמען וועלן מיר זיך ווענדן?"

אפרים האט געהאט א געלעגנהייט צו שטיין און וויינען פאר א שופט א בשר ודם, וואס וועט אפשר יא און אפשר נישט אננעמען זיינע תחנונים.

אבער מיר אידישע קינדער, בנים למקום, האבן די געלעגנהייט און די עת רצון יעדן טאג און יעדע מינוט צו וויינען, זיך בעטן און זיך אויסשמועסן מיט'ן גרעסטן שופט, מיט'ן מלך מלכי המלכים וואס ווארט צו הערן אונזער קול; און ער וועט אונז נישט "אפשר", נאר "זיכער" העלפן און אויסלייזן פון אונזער ענגשאפט, און אונז ברענגען אונזער ישועה.

מען דארף נישט ווארטן אויף די פארכטיגע תפילות פון די ימים נוראים צו זאגן "מי יחיה ומי ימות, מי ישפל ומי ירום"; נאר היינט, יעצט, קענען מיר זיך וועקזעצן מיט'ן באשעפער, אויסשמועסן אונזער הארץ, זיך מתוודה זיין און תשובה טון, און אים זאגן אז לויט אונזערע מעשים גייט דער אייבערשטער מיט אונז אום מיט גרויס רחמנות, מיר ווייסן דאס. קומען קומט זיך אונז גארנישט.

"נאר טאטע, געב מיר נאך איין געלעגנהייט, נאך איין טשענס, דאס מאל מיין איך עס אמת'דיג, איך זאג דיר צו."

ווי קען א טאטע זאגן "ניין" צו א קינד וואס זאגט צו אז ער וויל שוין באמת זיין גוט?!

האסטו אמאל אריינגעקלערט? מיר באקומען פריוואטע צייט מיט'ן גרעסטן שופט אין די וועלט, און נישט נאר דאס, נאר דער שופט איז דאך 'מיין טאטע'!!

א שאד אז נישט אלע ווייסן פונעם סוד פון רבינ'ס התבודדות. געוויסע ווארטן אויף שמונה עשרה, אנדערע ווארטן גאר אויף די ימים נוראים אויסצוגיסן זייער הארץ, אבער מיר האבן זוכה געווען צו א מתנה פונעם רבי'ן: התבודדות! יעדן טאג, יעדע מינוט, אין יעדן מצב.

וואס קען זיין בעסער און מער טעראפעוטיק פאר א אידישע מאמע ווי זיך אוועקצוזעצן אינדערפרי – ספעציעל יעצט ווען די וועטערס זענען אזוי אנגענעם – און זינגען: "אהוי... טאטע... איך שריי צו דיר טאטע, איך בעט צו דיר טאטע, נעם אן מיין געבעט..."

ווי דער ראש ישיבה שליט"א זינגט: "אַן אַפּוינטמענט היינט איך האב... מיט אונזער גרויסן גרויסן גאָט... דער אייבערשטער איז מיט מיר... אייביג אָפּן איז זיין טיר... און ער איז אייביג דאָ פאַר מיר... איך מיט דעם באַשעפער... יעדן טאָג אונז רעדן מיר... און אַלץ ווערט מיר בעסער. אליינס מיט'ן באשעפער אליינס... מיט'ן באשעפער איך שמועס אליינס...!"

לאָמיר אויסנוצן אונזער פּראָטעקציע ביים קעניג פון די וועלט און אים בעטן אַלץ וואָס מיר דאַרפן. נישט נאָר היינט, נאָר אויך מאָרגן, איבערמאָרגן, קומענדיגע וואָך און אַ גאַנץ לעבן. ער וואַרט אויף דיר, ער וויל הערן פון דיר; אַ שאָד אַרויסצולאָזן די געלעגנהייט.

רעספּי פֿונדערהיים

# Strawberry Rhubarb Compote

S. LEVY

## INGREDIENTS

2 packages frozen strawberries
1 package frozen rhubarb
2 cortland apples cubed (optional)
1/2 cup sugar (to taste)
1 1/4 cup water

## DIRECTIONS

cook for 1 hour
on a low flame,
serve chilled!



די רובארב איז טאקע ביטער פאר זיך, לייג עס נעבן די זיסע סטראָבעריס וועט עס ווערן זיס.

ס'איז דיר אמאל ביטער אין לעבן?

דריי זיך נעבן דעם צדיק וועט דיר זיס ווערן דיין לעבן מיט די זיסע עצות.

ש. ל. פליישמאן

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## גוטע אויגן

*וויפיל מאל ביי די שיעורים,*
*האט דער ראש ישיבה שוין*
*גערעדט די דיבורים,*
*און יעצט פרשת בהעלותך,*
*יא, נאכאמאל עודך (אויך עודך מיט*
*אן אל"ף, שכח אייבערשטער).*
*און דאך, צו מאכן התבודדות,*
*איך דארף א נס,*
*ווייל איך פארגעס.*
*אויב איז דא צו דעם פיל שטערונג,*
*איז עס power food נשמה נערונג.*

"ער מאכט אזוי נערוועז,
זי געבט מיר נישט קיין space.
יעדע שווארצע פינטעלעך איך
באמערק,
ווי הרי חושך בערג,
יענעם'ס flappy ווערק."

דער הייליגער רבי נתן לערנט אונז
א כלל,
פון רבינו ז"ל,
ווען אזא טאג קומט,
איך זע אלעס פארקרומט,
חסרונות ביי יענעם,
א בליק פון Venom,
עס ווערט פארשפרייט א לופט פון
גיהנום.

מיינט עס איין זאך,
האט עס איין פשט,
כ'האב היינט נישט געמאכט,

א שמועס שטיל פריוואט,
א שמועס מיט מיין Creator,
מיט דעם וואס אלעס זעט ער.

אויב ענטפער איך, אוודאי,
איך האב געשמועסט מיט מיין
טאטע,
התבודדות איז אזוי הייליג,
אפשר האסטו געמאכט צו וויייניג?

אויגן וואס זענען אנגעשטרענגט,
אלעס נערווירט און קרענקט,
אין די לופט ווערט פארשפרייט,
שטיקענדע קארבאן מאנאקסייד,
ווי אין poison איינגעהילט,
מ'קען נישט אטעמען מ'פילט,
ס'איז true, tried און tested,
"פרומער" אויגן מאכט די לופט
פארפעסטעד.

אלס אידישע מאמע,
מאך א גוטע אויפנאמע.
קאמפלימענטס פארצייל,
גוטמוטיג מיט א smile.

"חיים איז מיין רעכטע האנט,
ער האט איבערגעצויגן די בעט
געוואנט.
יוסי, טיכטיג אלעס ערלעדיגט,
אן אים וואלטן מיר געשפעטיגט."

ווי מער התבודדות, מען מאכט,
אלץ מער גוטס מען טראכט.
מען באקומט אויגן גוטע,
מען זעט יעדנ'ס וואוילע נקודה.

עס גייט אוועק די גיפט,
מען פארשפרייט א גוטע לופט.
מען הייבט אן זאכן גוט אויסטייטשן,
מען גראדט אויס אין קאפ אלטע
קנייטשן.

מיט'ן אייבערשטן שמועס,
וואס נאר דיר פארדריסט,
אלע דיינע געפילן,
דיין באהאלטענע טיפע ווילן.
געדענק אבער אנצופאנגען,
מיט הודאה און דאנקען.

זאל זיין וואס ס'איז,
וואו דו ביסט,
מאך א שמועס,
באשעפער, געב מיר פליז,
אויגן וואס קוקן זיס,
אויגן שיין ליכטיג,
אויגן וואס קוקן ריכטיג,
אויגן וואס קוקן ווייער,
נישט אראפ פון דער הייער.

באשעפער, העלף אז מיט מיין קוקן,
זאל איך די לופט נישט דערשטיקן,
נאר יעדן ארום מיר דערקוויקן,
געב מיר soft גוטע בליקן,
פונקט ווי די הייליגע צדיקים.

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

מ. פעדער



# דאגות ביים שניידן די נעגל

ס'איז צוויי אזייגער אינמיטן נאכט. אסתי באטראכט איר זייגער מיט פארקלעבטע אויגן, פראבירנדיג זיך צוצוגעוואוינען צו די טונקלקייט. א קרעכץ פון דעם צווייטן עק צימער מאכט איר הארץ טאנצן פאר פרייד. ווי פון זיך אליינס לויפן אירע פיס אויפצוהייבן איר ניי-געבוירן בעיבי.

"איך קען זיך אליינס נישט גלויבן," באטראכט זי איר פיצל מיט ליבליכע אויגן, "איך בין שוין א מאמע פאר א קינד."

איר מח לויפט צוריק צו די געשעענישן פון די לעצטע פאר וואכן: די אומבאשרייבליכע שמחה, די איבערראשטע משפחה, די קידוש, דאס קימפעטן ביי איר מאמע, און יעצט האלט זי שוין דא, ביי זיך אינדערהיים. א מידע אבער גליקליכע קימפעטארן, האלט זי אין איר האנט די טייערסטע מתנה וואס זי און איר מאן האבן נאר אמאל באקומען - א זיס, לעכטיג, זעקס-וואכנדיג בעיבי. אסתי פילט אז וויפיל זי דאנקט דעם אייבערשטן, ברענגט עס נישט געוועג ארויס וואס זי פילט אינעווייניג.

דאס בעיבי עסט שיין, און אסתי האפט צו קענען ארייכאפן נאך אפאר שעה שלאף, ווען מיטאמאל הערט זי א פייף וואס ווערט נאר העכער און שטערקער. יא, זי הערט גוט. א שרעק כאפט איר אן; דאס איז אן אלארם וואסווארנט אז ערגעץ אין די געגנט קומען צופליען ראקעטן.

אזוי ווי זיי וואוינען אין ארץ ישראל, זענען זיי שוין צוגעוואוינט צו די זאכן, אבער אין אזא מצב האט זי זיך נאך קיינמאל נישט אנגעטראפן: א פרישע קימפעטארן מיט א ניי-געבוירן בעיבי אין אירע הענט.

זיי האבן נישט קיין באשיצטע צימער אינדערהיים, און אזוי מיט א בעיבי אין די הענט קומט נישט אין באטראכט ארויסצולויפן אינדרויסן אין גאס זוכן א

שעלטער. זי גייט אפילו נישט אָניאָגן זיך געהעריג אנצוטוהן.

איר שרעק פארשטארקט זיך נאר מער ווען זי כאפט זיך אז איר מאן איז שוין ארויס צום כולל חצות; זי גייט אים נישט קלינגען, זי וויל אים נישט שטערן פון לערנען. "בעצם בין איך יעצט אינגאנצן אליינס אינדערהיים," טראכט זי צו זיך מיט פאניק.

"אליינס מיטן באשעפער," הערט זי פון ערגעץ וואו אין איר מח א בארואיגנדע שטימע, "נאר דער באשעפער קען מיך באשיצן."

אסתי מאכט צו די אויגן מיט כח און הייבט אן חזר'ן אמונה: "דער אייבערשטער איז דא, דער אייבערשטער היט מיך, דער אייבערשטער איז מיט מיר, ביי מיר, נעבן מיר. קיינער קען מיר גארנישט שלעכטס טוהן, אלעס איז דער אייבערשטער. הייליגער באשעפער, היט אפ אלע אידישע קינדער, קיינעם זאל קיין שלעכטס נישט פאסירן."

אסתי פילט ווי א רואיגקייט צושפרייט זיך אין אירע ביינער. אמונה איז דאך די איינציגסטע זאך וואס קען עכט בארואיגן פון שרעק, אלעס אנדערש זענען דאך נארישקייטן. זי דערמאנט זיך ווי איר שכנ'טע האט איר דערציילט וויאזוי זי בארואיגט אירע קינדער וואס דערשרעקן זיך פון די אלארמ'ס, ווען זי חזר'ט מיט זיי: "טאטי איז דא, מאמי איז דא, טאטי און מאמי זענען דא פאר ענק און היטן אויף ענק." עס קומט איר ממש ארויף א שמייכל ווען זי דערמאנט זיך אין דעם.

"עס איז דאך אזוי נאריש," האט זי דעמאלטס נאר געטראכט צו זיך שטילערהייט, אן עס ארויסזאגן פאר די שכנ'טע וואס האלט אז זי פארשטייט דאס בעסטע צו חינוך און ווייסט פונקטליך וויאזוי מען בארואיגט דערשראקענע קינדער.

"קען זיין אז בשעת מעשה בארואיגט עס זיי, אבער וואס געשעט ווען די עלטערן געפינען זיך נישט נעבן זיי? וואס בארואיגט זיי דעמאלטס אויב קיינער האט נישט גע'חזר'ט מיט זיי אמונה, אז דער אייבערשטער איז איבעראל און נאר ער קען זיי אפהיטן?"

שכח אייבערשטער די גערודער האט זיך שוין בארואיגט.

אסתי קוקט אויף איר בעיבי וואס שלאפט אזוי רואיג; זי ווייסט נישט פון קיין שרעק צו זאגן. זי ליגט באקוועם אין איר מאמע'ס ארעמס, און פילט זיך דאס מערסטע אפגעהיטן און באשיצט וואס מעגליך.

"קוק אן די בעיבי ווי רואיג זי ליגט אין איר מאמע'ס הענט," זאגט זי צום אייבערשטן, "אזוי וויל איך אויך פילן. איך וויל פילן ווי איך ליג אין דיינע הענט; איך וויל זיך פילן אזוי רואיג און פארזיכערט ווייל דו היטסט מיך, און אזוי וועל איך זיך פאר גארנישט שרעקן."

אסתי דערמאנט זיך פון א מעשה וואס



זי האט געהערט אלס מיידל פון איינע פון אירע לערערינס אין שולע.

די מעשה רעדט זיך פון א גרויסן צדיק וואס פלעגט אויפבלייבן לערנען ביז שפעט אינמיטן נאכט. איין נאכט אינמיטן לערנען שמעקט ער א גערוך פון פייער; ער גייט צום קיך און זעט ווי עס ברענט. דער צדיק איז שנעל געלאפן אויפצוואוועקן יעדן, און זיי זענען אלע ארויסגעלאפן פונדערהיים מיט בלויז וואס זיי האבן געהאט אנגעטוהן אויף זיך, און קענען ארויסראטעווען גארנישט פון שטוב.

זיי שטייען אינדרויסן אויף די טונקעלע גאס און באטראכטן די צעווילדעוועטע פלאמען וואס לאזן נישט איבער קיין זכר פון זייער הויז. אלע שטאטסלייט זענען געקומען צולויפן ארויסצוהעלפן אויסלעשן דאס פייער.

איינער פון די אידן, וואס איז אויך געווען א תלמיד פונעם צדיק, באמערקט זיין רבי'ן זיצן אין א זייט. ער ווערט פארוואונדערט זעענדיג ווי דער צדיק זיצט מיט א ספר, פארטיפט אין לערנען.

„רבי,” פרעגט ער מיט וואונדער, „וויאזוי קען דער רבי אזוי רואיג לערנען ווען פאר די אויגן ווערט זיין גאנצער פארמעגן פארברענט? דער רבי איז נישט פארדאגה'ט?”

דער רבי קוקט אים אן מיט זיין הייליגן בליק: „פארדאגה'ט? דאס ווארט 'דאגה' קען איך נאר פונעם סדר פון שניידן די נעגל, וואס ע"פ הלכה שניידט מען לויט דעם סדר פון די פינגערס: ב' ד' א' ג' ה'. איך האב א גרויסן באשעפער וואס זארגט זיך שוין פאר מיר, טא וואס דען האב איך זיך צו זארגן?”

דאס מיינט א צדיק, טראכט אסתי צו זיך; דאס איז א מוח פון א צדיק - א מוח וואס טראכט פונעם אייבערשטן, א מוח וואס זעט דעם אייבערשטן אין יעדע זאך.

און וויאזוי קען מען זוכה זיין צו האבן אזא קלארן און לויטערן מח? דורכ'ן חזר'ן אסאך אמונה.

ווי דער ראש ישיבה שליט"א חזר'ט שטענדיג איבער דעם פסוק „האמנתי כי אדבר” - דאס רעדן פון אמונה דאס אליין איז אמונה, און דאס ברענגט אמונה. ווי מער מען חזר'ט אמונה אלץ שטערקער ווערט זי, און מען באקומט א שטערקערן און געזונטערן מח; א מח וואס טראכט און זעט דעם אייבערשטן.

איינמאל דו וועסט שוין האבן א קלארע און לויטערע אמונה, וועט דיך שוין גארנישט אנגיין און דו וועסט זיך פאר גארנישט שרעקן. אמונה איז די איינציגסטע זאך וואס קען דיך היילן פון יעדע סארט שרעק און זארג, און פון אלע פאניק אטאקעס. דו וועסט קענען זיין אזא רואיגער מענטש, א רואיגע מאמע און ווייב.

זיי שטייען אינדרויסן אויף די טונקעלע גאס און באטראכטן די צעווילדעוועטע פלאמען וואס לאזן נישט איבער קיין זכר פון זייער הויז.

דאס אלעס קען געשען נאר דורכ'ן חזר'ן אסאך אמונה: רעדן פון אמונה צו א חבר'טע אדער א שכנ'טע, רעדן צו די קינדער פונעם אייבערשטן, און זיך אליין נאכאמאל דערמאנען אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט וואס טוט אלעס. אלעס קומט נאר פון אים, גארנישט איז נישט קיין טעות, און אלעס ווערט געפירט מיט א פונקטליכן חשבון פונעם אייבערשטן.

און דאס וואס עס מאכט זיך אמאל אז א מענטש פארגעסט פונעם אייבערשטן עס ווערט אים טינקל די אמונה האט א סיבה, ווי דער ראש ישיבה האט אמאל ערקלערט אז איינמאל א מענטש האט אמונה איז אים גוט און עס פעלט אים גארנישט. ביי אים איז שוין לעכטיג, און וואס עס זאל נאר אויף אים אדורכגיין, וועט ער עס קענען איבערלעבן אינאיינעם מיט'ן אייבערשטן.

דערפאר, ווען מען וויל פון הימל שטראפן א מענטש, נעמט מען אים אוועק די אמונה, וואס דעמאלטס ווערט אים גענצליך טונקל. די איינציגסטע עצה פאר דעם איז צו שרייען צום אייבערשטן: „הייליגער באשעפער, איך וויל דיך פילן! באשעפער, איך וויל דיך זען! מאך מיר אויף מיינע אויגן, איך וויל האבן א קלארע און לויטערע אמונה.”

אז דו וועסט אזוי שרייען צום אייבערשטן, וועסטו זען ווי דער אייבערשטער וועט דיך אויסהערן און דו וועסט ווערן א נייע מענטש. דו וועסט אנהייבן פילן דעם אייבערשטן און שפירן אזא רואיגקייט, וויסנדיג אז דו ליגסט אינעם באשעפערס הענט; אזוי אז אפילו ווען עפעס גייט דיר נישט ווי געפלאנט, וועסטו זיך קענען איבערגעבן צום אייבערשטן און זיך אונטערזינגען:

**„אין עוד מלבדו,**

**מלא כל הארץ כבודו,**

**הקדוש ברוך הוא הוא מלך ואני עבדו”.**




# די אומגעראכטענע גלעט

ביים ברעג ים הערט מען די כוואליעס ווי זיי קלאפן אויף די ווייסע, ריינע, זון-געווייקטע זאמד. אה! ממש נפלאות הבורא!

אז מ'קען זיך טרעפן א ווינקל ביי א וואסער, אפגעשיידט פון די הו-הא פון מענטשן, און מ'כאפט זיך ארויס אויף א קורצן אויספלוג נאך איידער די שווימען-פלעצער זענען אפיציעל אפן פארן סעזאן, איז עס גאר א געשמאק ארט.

עס גייען פארביי שיפלען, גרעסערע שיפלעך, און עטליכע גאר גרויסע שיפן זעט מען פון דערווייטנס שטיין אינעם ים. כאטש עס זעט אויס ווי זאכן רוקן זיך נישט, אבער אין פאקט מאכט זי איר לאנגע "קראס-אטלאנטיק" רייזע; זי פארט זיך "סלאו ענד סטעדי"...

עס האט מיר דערמאנט א מעשה מיט א שיף וואס איך האב לעצטנס מיטגעהאלטן.

עס איז דא א משפחה וואס איז שטענדיג עוסק אין צדקה וחסד; די גאנצע שטוב איז געבויט ארום ארויסהעלפן א איד, געבן צדקה בדרך כבוד, שטיצן א צווייטן, און פארגרינגערן וואו נאר מ'קען פאר נאך א איד. די חסד אין יענע שטוב איז ענדלאז.

די עלטערן, וואס אטעמען דאס און זענען גרייט אוועקצוגעבן דאס אייגענע העמד פון זיך אדער דאס ברויט צו פיטערן פאר די וואס זענען נויטיגער ווי זיי, האבן אריינגעלייגט אין די די-ען-עי פון די קינדער די זעלבע מדות. אזוי האט זיך די שטוב געפירט אלע יארן.

דאן איז אונטערגעקומען אן אינטערעסאנטע געלעגנהייט. איינער רופט אן מרת דערבארעמדיגער און זאגט איר: "איך האב פאר דיר א הערליכע, שיינע און טייערע מתנה וואס איך ווייס אז דו וועסט הנאה האבן

דערפון. איך ווייס אז לעצטנס האסטו זיך אריינגעלייגט אין זוכן נייע בענקלעך פארן שבת טיש; איך האב דא אין א געוויסן ווערירהאוז א הערליכע סעט בענקלעך פונקט לויט דיין טעיסט, גענוג בענקלעך אנצופילן דיין לאנגן טיש וואס איז שטענדיג ארומגענומען מיט אורחים, און איך קען דיר עס שוין היינט אריבערשיקן. דו ווילסט עס? ביסט גרייט עס אפצונעמען?"

מרת דערבארעמדיגער האט זיך זייער געפרייט, היות ס'איז טאקע ממש דאס וואס זי האט יעצט געדארפט. זי האט איר שטארק באדאנקט און געזאגט: "איך וועל דיך צוריקרופן אין א קורצע צייט צו באשטעטיגן אז מ'קען שיקן די נייע בענקלעך" - אויף וואס זיי האבן שוין אזוי לאנג ארויסגעקוקט.

ביים אראפלייגן דעם טעלעפאן, קומט גלייך אריין אן אנדערע קאל.

אין יענע מינוט האט ביי מרת דערבארעמדיגער אויפגעבליצט א געדאנק איבער איר באשלוס בנוגע דעם סעט הערליכע בענקלעך וואס מען האט איר יעצט אנגעטראגן.

זי האט א חבר'טע וואס האט זיך ממש לעצטנס אריבערגעצויגן צו א נייע דירה; זי האט פארלוירן איר גאנצע האב און גוטס אונטער געוויסע אומשטענדן, און זי האט זיך שטארק געמוטשעט אויסצושטאפירן איר נייע היים.

זי הייבט נישט אויף דעם טעלעפאן; זי רופט שנעל צוריק דעם פריערדיגן נומער, בעטנדיג אז דעם סעט בענקלעך - דער הערליכער, טייערער און שיינער סעט וואס וואלט אזוי שיין אריינגעפאסט ביי איר אין שטוב - זאל מען ענדערש אפשיקן פאר די משפחה וואס נויטיגט זיך יעצט אויסצושטאפירן א הויז.

זי האט זיי געגעבן דעם אדרעס, און אפילו דעם נומער וועמען אנצורופן ביים אנקומען מיט'ן דעליווערי, כדי צו מאכן זיכער אז עס וועט ווערן אריינגעטראגן און שיין מסדר ווערן אין די שטוב פון איר חבר'טע וואס האט געקענט נוצן די איבריגע הילף.

פארשטייט זיך, שפעטער יענע נאכט איז אריינגעקומען אן איבערראשנדע טעלעפאן קאל פון די חבר'טע, וואס האט תיכף פארשטאנען ווער עס האט איר ערלעדיגט די בענקלעך, און מיט טרערן אין די אויגן זיך באדאנקט פאר אזא שיינע אומערווארטעטע מתנה וואס האט געמאכט איר ליידיגע דירה שפירן ווי א היים. פאר מרת דערבארעמדיגער איז דאס געווען גענוג א שטופ איר צו טראגן פאר די קומענדיגע צייט, ווייל די שמחה של מצוה האט איבערגעוואויגן סיי וועלכע שמחה מ'קען נאר שפירן ביים אליין באקומען א נייע זאך.

אזוי לויפט די צייט. די דערבארעמדיגער משפחה פלעגט זיך שטענדיג דערבארעמען אויף וועמען אימער. אויב עס איז נאך געווען א דאלער אין טאש, האט מען עס ענדערש פארטיילט פאר איינעם וואס האט יענעם טאג נאך גארנישט אין מויל גענומען, אדער פאר די וועמען מ'ווארפט שוין באלד ארויס פון זייער דירה ווייל זיי האבן נישט צו צאלן די דירה-געלט.

מר דערבארעמדיגער פלעגט שטענדיג מחזק זיין די משפחה אינדערהיים, פרעגנדיג: פארוואס האט א מענטש געלט? נאר כדי צו קענען טיילן, געבן און גרינגער מאכן פאר א צווייטן איד, נישט צו אנזאמלען הויפענעס גרינס וואס א מענטש נעמט סייווי נישט מיט אויף יענע וועלט." דער לימוד איז



## איר טעלעפאן פייפט, און זי זעט אז די חבר'טע וואס האט שוין א לאנגע צייט צוריק געמופט אויף ארץ ישראל רופט איר. זי האט נישט געהאט יעצט קיין צייט צו שמועסן

זיי אלע אריין אין די ביינער.

עס מאכט זיך א טאג, און מרת דערבארעמדיגער באקומט א רוף פון אט יענע חבר'טע מיט די שטוינענדע נייעס אז זי מופט קיין ארץ ישראל. פארשטייט זיך אז מרת דערבארעמדיגער איז געווען איר ערשטער קאל, וויסנדיג אז ביי איר וועט זי זיכער באקומען די נויטיגע הילף. מרת דערבארעמדיגער האט איר באגלייט דורכאויס דעם גאנצן פראסעס פון איינפאקן דאס הויז - א גאנץ לעבן פון האב-און-גוטס אריינגעקוועטשט אין אפאר קארטאנס. ביי יעדע זאך האט מען געדארפט מחליט זיין צי עס לוינט זיך מיטצונעמען, אדער מ'וועט שוין דארט קויפן נייע.

ווען עס איז געקומען צו די שיינע טייערע סעט בענקלעך, האט די חבר'טע זיך געעקשנ'ט אז דאס איז זיכער עפעס וואס זי וועט נישט קענען טרעפן אדער ריפלעיסן אין ארץ ישראל אזוי גרינג; זי איז געווען גרייט צו צאלן שווערע געלט דאס צו שיקן מיט א שיף איבערן אטלאנטיק אקעאן, אפילו אויב עס וועט נעמען עטליכע חדשים ביז עס קומט אן.

***

די דערבארעמדיגער משפחה האט נייעס! אלע אורחים זענען געווען ערשטוינט צו הערן אז זיי האבן געקויפט א דירה אין ארץ ישראל - וואו זיי פלעגן סיי ווי פאָרן זייער אפט באזוכן משפחה. זיי האבן זיך יעצט אהינגעצויגן פאר א לענגערע צייט כדי מסדר צו זיין דאס הויז און עס אויסשטאפירן, אזוי אז זיי זאלן קענען ווייטער אנגיין מיט זייערע מעשי צדקה וחסד פון יענע צווייטע היים ווען זיי געפינען זיך דארט.

אנקומענדיג קיין ארץ ישראל האבן די דערבארעמדיגערס זיך געטראפן מיט היבש פיל ארבעט. מען האט געדארפט איינקויפן אלעס ניי, פונקט ווי מען שטאפירט אויס א כלה, אבער נישט בלויז צוויי שטיק פון יעדע זאך, נאר אין גרויסע קוואנטומס ("באלק"), כדי עס זאל זיין גענוג פאר אלע זייערע געסט וואס זיי נעמען אויף מיט א ברייטער האנט. בעטן, בעטגעוואנט, טישן, בענקלעך, קאוטשעס, טעפ, געשיר, עלעקטראנישע אפלייענסעס, און אזוי ווייטער און ווייטער.

מרת דערבארעמדיגער איז געווען פארנומען אויסצוקראסן די זאכן פון איר ליסטע וואס זי האט שוין ערלעדיגט, און זי האט פרובירט זיך אן עצה צו געבן וויאזוי מסדר צו זיין די איבעריגע זאכן וואס דארפן נאך ווערן ערלעדיגט. אלעס האט דאך א פרייז טעג, אלעס קאסט געלט, און די הוצאות האבן זיך אנגעהויבן אנזאמלען.

פלוצלינג האט איר טעלעפאן געקלינגען, און זי האט געזען אז די חבר'טע, וואס האט שוין מיט א לאנגע צייט צוריק געמופט קיין ארץ ישראל, רופט איר. זי האט נישט געהאט יעצט קיין איבעריגע צייט צו שמועסן יעצט; זי האט ענדערש געוואלט ענדיגן אירע הכנות פון קאכן און באקן פאר די פילע געסט וואס האבן זיך שוין געמאלדן אויף שבת, אבער דאך האט זי זיך דערבארעמט און אויפגעהויבן דעם טעלעפאן.

דאס מאל איז די איבערראשונג געווען אירס: "איך שיק דיר צוריק דיין הערליכע סעט בענקלעך מיט וואס דו האסט מיך אזוי שיין באשאנקען ווען איך האב אריינגעמופט אין מיין נייע דירה מיט עטליכע יאר צוריק. איך ווייס ווי שטארק עס פאסט פאר דיין טעיסט, און איך האב דיר שטענדיג געוואלט באצאלן פאר דיינע ענדלאזע חסדים און די הילף וואס דו טוסט מיט מיר. יעצט, גיי ארויס צום טיר און נעם אפ דיין אויפריכטיגע באלוינונג!"

שלמה המלך זאגט אין קהלת (פרק י"א, פסוק א'): "שלח לחמך על פני המים כי ברוב הימים תמצאנו" (שיק דיין ברויט אויפ'ן וואסער, ווייל נאך פילע טעג וועסטו עס געפינען).

נאר דאס וואס א מענטש גיבט אוועק פאר א צווייטן, דאס בלייבט מיט אים אויף אייביג.

די געלט וואס דו טיילסט פאר צדקה און די חסד פאר א צובראכן הארץ, דאס איז וואס וועט דיר אנטקעגן קומען אין דער אמת'ער וועלט, און אפטמאל נאך דא אויף דער וועלט אויך.

**"בשעת פטירתו של אדם אין מלווין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובות ומרגליות, אלא תורה ומעשים טובים בלבד".**




**חברת תהלים** - טרעפליב

**טרעפן די ריכטיגע שוב**
- מיט תפלה



**ווער האט געזאגט די מטבע?**
יארצייט - ר׳ יהודה אסאד

# יארצייט
## פון די וואך

דער הייליגער רבי
**יהודה אסאד**
זי"ע

יארצייט:
כ"ג סיון

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם מָאנְטָאג, כ"ג סִיוָן, אִיז גְעוֶועןן דִי יָארְצַייט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן רֶבִּי יְהוּדָה אַסַאד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

מֶען דֶערְצֵיילְט אַסַאךְ אִיבֶּער זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע גְאוֹנוּת אוּן זַיין הַתְמָדָה בַּתּוֹרָה. שׁוֹין אַלְס בָּחוּר הָאט אִים דֶער רָב פוּן סֶערְדָאהֶעלִי גֶעשְׁטֶעלְט אַלְס אַ שְׁטִיקְל רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פוּפְצִיג בָּחוּרִים עֶר זָאל זֵיי מַדְרִיךְ זַיין אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי.

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז מֶען פְלֶעגְט אִים זֶען זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן כְּסֵדֶר לֶערְנֶען.

אָבֶּער אֵיינֶע פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע זַאכְן וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק זֶענֶען זַיינֶע שֵׁיינֶע אוּן אֵיידֶעלֶע מִידוֹת. נָאךְ אַלְס בָּחוּר, וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיז אַסַאךְ מָאל אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז חֲבֵרִים אָדֶער בָּחוּרִים הָאבְּן אַרַיינְגֶעפְרֶעגְט נַארִישֶׁע שְׁאֵלוֹת אִינְמִיטְן דֶעם שִׁיעוּר.

רֶבִּי יְהוּדָה אַסַאד זי"ע הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיבּ אֵיינֶער פוּן דִי בָּחוּרִים הָאט חַס וְשָׁלוֹם אוֹיסְגֶעלַאכְט אַ צְוֵוייטְן; עֶר פְלֶעגְט אַלֶעמָאל שְׁנֶעל אוֹיסְדְרֵייעֶן דִי וֶוערְטֶער אַזוֹי אַז דִי שְׁאֵלָה זָאל וֶוערְן אַ 'קְלוּגֶע' שְׁאֵלָה, כְּדֵי דֶער וָואס הָאט גֶעפְרֶעגְט זָאל זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּירְן פַארְשֶׁעמְט.

עֶר הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט ח"ו גְרוֹיס גֶעהַאלְטְן מִיט זַיין גְאוֹנוּת אוּן זַיין לִימוּד הַתּוֹרָה. פַארְקֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן עֶר פְלֶעגְט אָפְט גֵיין מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים נָאךְ גֶעלְט, סְפֶּעצִיעֶל מִיט דִי בָּחוּרִים וָואס אַנְדֶערֶע הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין מִיט זֵיי.

...

דֶער הֵיילִיגֶער כְּתַב סוֹפֶר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַ זוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט פִיל גֶע'שְׁתַּדְלְ'ט בַּיי דִי רֶעגִירוּנְג אִיבֶּער דִי "טֵיילוּנְג אִין אוּנְגַארְן". (דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ צַייט וֶוען דִי מַשְׂכִּילִים, נִישְׁט-עֶרְלִיכֶע אִידְן, הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועקְשְׁלֶעפְּן פִילֶע אִידְן פוּנֶעם עֶרְלִיכְן וֶועג רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן דֶער חֲתַם סוֹפֵר הָאט דֶעמָאלְטְס אַיינְגֶעפִירְט אַ "טֵיילוּנְג", מֶען הָאט אָפְּגֶעטֵיילְט דִי נִישְׁט-עֶרְלִיכֶע פוּן דִי עֶרְלִיכֶע, אוּן אַזוֹי אַרוּם אָפְּגֶערַאטֶעוֶועט אִידִישְׁקֵייט.)

וֶוען דֶער כְּתַב סוֹפֶר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן דִי רֶעגִירוּנְג אוּן הָאט עֶנְדְלִיךְ גֶע'פּוֹעֵלְ'ט אַז דִי טֵיילוּנְג זָאל וֶוערְן אָפִּיצִיעֶל, הָאט מֶען אָפְּגֶערָאכְטְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדַת הוֹדָאָה.

בִּשְׁעַת דִי סְעוּדָה הָאט דֶער כְּתַב סוֹפֶר גֶעזָאגְט פַאר אַלֶע רַבָּנִים אַז עֶר הָאט אַן אִיבֶּערַאשׁוּנְג (אַ סוּפְּרֵייז). עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ מַטְבֵּעַ, אַ מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל וָואס הָאט נָאךְ גֶעשְׁטַאמְט פוּן דִי צַייטְן פוּנֶעם צְוֵוייטְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. אַלֶע רַבָּנִים זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁטַארְק אִיבֶּערַאשְׁט אוּן יֶעדֶער הָאט עֶס בַּאטְרַאכְט מִיט גְרוֹיס וואוּנְדֶער.

אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה הָאט דֶער כְּתַב סוֹפֶר גֶעפְרֶעגְט דִי רַבָּנִים אוֹיבּ מֶען קֶען אִים צוּרִיקְשִׁיקְן דִי מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, וַוייל עֶר וִויל עֶס אַוֶועקְלֵייגְן. מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוּמְצוּקוּקְן בַּיים טִישׁ, אָבֶּער צוּ יֶעדְנְ'ס גְרוֹיס שְׁרֶעק הָאט מֶען עֶס נִישְׁט גֶעפוּנֶען. דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה מִיט אַלֶע דְרָשׁוֹת הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט; יֶעדֶער הָאט אַלֶעס אָפְּגֶעלָאזְט אוּן מֶען הָאט גֶענוּמֶען זוּכְן אוּנְטֶערְן טִישׁ, אוּנְטֶערְן טִישְׁטוּךְ, אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן אִיבֶּערָאל, אָבֶּער מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעטְרָאפְן. דֶער מַצָּב אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן. קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְזָאגְן דָאס וָואס יֶעדֶער הָאט גֶעטְרַאכְט, אָבֶּער אַ שְׁטִילֶע, שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַחֲשָׁבָה אִיז אַדוּרְכְגֶעלָאפְן דִי מֶענְטְשְׁן אִין זַאל: אֶפְשָׁר הָאט אֵיינֶער פוּן דִי רַבָּנִים ח"ו זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן אוּן גֶע'גַנֶבְ'עֶט דִי טֵייעֶרֶע מַטְבֵּעַ.

דִי רַבָּנִים הָאבְּן שְׁטִילֶערְהֵייט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן צְוִוישְׁן זִיךְ וָואס מֶען זָאל דָא טוּן, בִּיז אֵיינֶער פוּן דִי רַבָּנִים הָאט מִיט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטִימֶע גֶעזָאגְט אַז מֶען וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין בְּרֵירָה נָאר מֶען וֶועט מוּזְן בַּאטַאפְּן יֶעדְנְ'ס טַאשׁ צוּ זֶען אוֹיבּ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט.

אִין שְׁטוּבּ אִיז גֶעוָוארְן טוֹיט-שְׁטִיל. דֶער בִּזָיוֹן הַתּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיס - וִויאַזוֹי קֶען מֶען חוֹשֵׁד זַיין רַבָּנִים אִין גְנֵיבָה? אָבֶּער עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה.

פְּלוּצְלִינְג הָאט זִיךְ רֶבִּי יְהוּדָה אַסַאד אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן זִיךְ שְׁטַארְק קֶעגְנְגֶעשְׁטֶעלְט. עֶר הָאט בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן אָפְּגֶעהַאלְטְן דִי אָנְוֶועזְנְדֶע פוּן דָאס טוּן. אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אוּן רֶעסְפֶּעקְטִירְטֶער רָב, הָאט מֶען זִיךְ גֶערֶעכְנְט מִיט זַיין מֵיינוּנְג אוּן מֶען הָאט עֶס טַאקֶע נִישְׁט גֶעטוּן.

אַפָּאר מִינוּט שְׁפֶּעטֶער קוּמְט דֶער דִינְסְט צוּ לוֹיפְן מִיט דִי מַטְבֵּעַ אִין דִי הַאנְט. זִי דֶערְצֵיילְט אַז בִּשְׁעַתְ'ן אָפְּרוֹימֶען דִי טֶעלֶערְס הָאט מֶען בְּטָעוּת מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט דִי מַטְבֵּעַ, אוּן מֶען הָאט עֶס יֶעצְט גֶעפוּנֶען בִּשְׁעַתְ'ן וַואשְׁן דִי גֶעשִׁיר.

אַלֶע רַבָּנִים הָאבְּן אָפְּגֶעאָטֶעמְט אוּן

געדאנקט דעם אייבערשטן אז מען האט דאס געטראפן און אז עס איז נישט ארויסגעקומען קיין חילול השם דערפון.

ווען דער עולם האט זיך בארואיגט, האט איינער געפרעגט רבי יהודה אסאד פארוואס ער האט בשום אופן נישט געוואלט אז מען זאל איבערקוקן די טאשן.

דעמאלט האט רבי יהודה אסאד ארויסגענומען פון זיין טאש פונקט די זעלבע מטבע. ער האט דערציילט אז ער האט אויך אזא מטבע ביי זיך, און לכבוד די סעודת הודאה האט ער עס אויך מיטגעברענגט צו ווייזן פאר די רבנים. האבן אים די רבנים געפרעגט: "אויב אזוי, פארוואס האסטו עס נישט ארויסגענומען צו ווייזן?"

האט ער געענטפערט אז ער האט נישט געוואלט אוועקנעמען די שמחה פונעם כתב סופר! ער האט געוואוסט אז אויב מען וועט איבערקוקן די טאשן און מען וועט עס טרעפן ביי אים, וועלן מענטשן נישט גלייבן אז ער האט אויך געהאט אזאנס, און עס וועט ארויסקומען א גרויסע חילול השם!

מיר זעען פון די מעשה צוויי שיינע זאכן. צום ערשט לערנען מיר זיך ארויס, אז מען דארף יעדן איינעם אלעמאל דן זיין לכף זכות. שטעלט אייך פאר ווען מען וואלט יא געטראפן די מטבע ביים צדיק, וואלט זיכער געווען זייער שווער אים דן צו זיין לכף זכות. דארפן מיר זיך לערנען פון דעם אז אפילו ווען מען איז כמעט 100% זיכער אז דער חבר, ברודער אדער שוועסטער איז שולדיג, קען אלעמאל זיין אז נישט.

אויך זעען מיר ווי ווייט צדיקים האבן געהיטן אויף דעם כבוד פון א צווייטן. נישט נאר וואס זיי האבן נישט ווי געטון א צווייטן, נאר זיי האבן געהיטן אז א צווייטער איד זאל זיך שפירן גוט, און זיי האבן נישט געוואלט אוועקנעמען אדער קלענער מאכן א גוטע געפיל פון א צווייטן.

עס מאכט זיך צומאל ווען א שוועסטער, א ברודער אדער א חבר ווייזט א שיינע זאך, כאפט זיך אריין דער יצר הרע און רעדט אונז איין צו זאגן: "עה, מיינס איז שענער" אדער "נע, איך האב די זעלבע זאך..."

מיר זעען פון די הייליגע צדיקים אז צו זיין אן ערליכע איד איז די עיקר מידות טובות, צו טראכטן פון די געפילן פון א צווייטע איד.

לאמיר בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן נאכגיין אין די וועגן פון די צדיקים, האבן גוטע מידות און מאכן יעדן איינעם שפירן גוט.

**זכותו יגן עלינו.**



# טרעפליך

טרעפף די
פאלגענדע
בילדער












**לאמיר צוזאמען זאגן**
**תהילים פארן אייבערשטן**

געמאלן דורך: **ר. וועבערמאן**



# שרייב טישל

## טרעף די וועג

טרעף די וועג צו **שפילן שיין מיט דיינע חברים!**





## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| א | ו | כ | ש | צ | ע | ז | ה | ל | ש |
| ז | ז | ו | פ | ד | ב | י | פ | א | פ |
| ב | י | ת | י | א | ח | כ | א | מ | י |
| נ | ז | י | ל | ר | ז | ע | ר | נ | ל |
| ט | י | א | נ | פ | ט | ו | ז | י | נ |
| י | י | מ | ק | י | צ | ט | י | י | ק |
| י | נ | ל | י | פ | ש | ו | כ | ק | ט |
| ו | צ | ו | י | י | פ | א | ט | ש | ב |
| ו | ו | ז | נ | ו | מ | י | י | ד | ל |
| צ | ו | י | מ | א | מ | נ | ג | ר | ו |
| ס | י | י | א | ה | ו | ל | א | כ | נ |
| ע | י | ע | ל | פ | נ | נ | ב | י | ט |
| נ | ט | ר | ש | ו | ר | י | ש | ר | ש |
| ס | נ | ט | ט | ע | ו | ט | י | י | פ |
| ע | א | ש | י | א | ק | פ | י | ש | י |
| ט | ר | י | א | ט | ט | ד | ר | א | ל |
| י | ז | נ | י | ז | ט | מ | ע | נ | ק |
| ו | ק | מ | א | ו | י | פ | כ | מ | נ |
| ו | ו | ל | ה | ע | א | ז | א | ל | ט |

איר זאלט זיין זייער פארזיכטיג ווי אזוי איר פירט זיך אויף צו א צווייטע מיידל; מען דארף זיין זייער סענסעטיוו צו א צווייטן, קיינמאל נישט ווי טון א צווייטן, קיינמאל נישט לאכן פון א צווייטן, און קיינמאל נישט שפילן א שפיל אויב מען לאזט נישט א צווייטן שפילן מיט דעם שפיל

*(עצתו אמונה חקת תשע"ח)*

# מיט  תפלה




געמאלן דורך: **ח. וועבערמאן**

די מעשה פון תפילה ווערט גענומען פון ״קול ברסלב״ האטליין. לאזט אריין אייער מעשה, און די בעסטע מעשה ווערט ווערן געמאלן.

# קליין און שיין



משפחת ליבערמאן



סאבי ווייס



נחמן היימליך



יחזקאל דעפריס




דינה יאקאבאוויטש



אסתי היימליך



משפחת ראטה



פרי 1 ע׳ שטעטל



הינדי יאקאבאוויטש - מ׳פארט קיין אומאן



חיה שורי און מירי הורוביץ